ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# מהר"ם מרוטנבורג

אידיש

308

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

לעהמאנ׳ס הויז-ביבליאטעק

מאיר לעהמאן

# אויף אייביגער תפיסה

היסטארישע ערצעהלונג

פון מהר״ם מרוטנבורג זצוק״ל

# א.

אָרים און שמוציג האָט אויסגעזעהן די יודישע געטאָ אין רוטענבורג. הויכע ענג-געבויטע הייזער האָבען זיך אָנגעלענט איינס אויפ׳ן צווייטען און אויסגעזעהן ווי איין גרויסער ריזי-גער קאַסטען מיט אָהן אַ שיעור פענסטער און טירען. ווען אַ פרעמדער וואָלט פערבייגעגאַנגען וואָלט ער געמיינט, אַז אין די דאָזיגע שמוציגע נישט שעהן-געבויטע בנינים וואוינען אַ באַנדע אַרומשלעפערס, וואָס האָבען זיך דאָ צייטווייליג אויס-געשטעלט א מיאוסען עקעלהאַפטען לאַגער צוזאַמענגעשטעלט פון ברעטער, בלעך און אייזען. אַריינקוקענדיק אָבער אינעווענינ אין די ריין, ציכטיג אויסגעקאַלכטע שטיבען, און זעהענדיג דאָס ריינע אידילישע פאַמיליען-לעבען פון די איינוואוינער, האָט דער פרעמדער שפעטער געמוזט ענדערען זיין מיינונג. ער האָט געזעהען פאַר זיך אַנ׳אַלטע פול אויסגעפרובטע בע-פעלקערונג, וואָס איז אין אַלע היגזיכטען געשטאַנען העכער פון די שכנים אויף יענער זייט געטאָ.

אין איינעם פון די דאָזיגע הייזער, וואָס האָט זיך מיט גאָרנישט אָבגעשיידט פון די אַרומיגע בנינים האָט געוואוינט דער גרויסער רוטענבורגער רב, די קרוין פון דייטשען יודענטום, הרב הגאון רבינו מאיר מרוטענבורג.

דאָס איז געווען איינער פון די געצעהלטע יודישע פיה-רער און וועג-ווייזער, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ לייכטענדער טורם אין מיטען פון דער פינסטערער נאַכט און צוגעצויגען צו

זיך הונדערטער יונגע לייט, וואָס זענען זיך צוזאַמען געקומען פון אַלע עקען דייטשלאַנד צו לערנען ביי איהם תורה. אין דער גרויסער ישיבה, וואָס רבינו מאיר האָט אויפגעבויט האַרט נע-בען זיין הויז, האָט זיך יאָהרען לאַנג געהערט דער זיס-טרויעריגער געזאַנג פונ׳ם גמרא-ניגון. פון דאַנען זענען אַרויס-געקומען די גרעסטע רבנים און למדנים, וואָס האָבען פאַרשפּרייט די תורה איבער אַלע יודישע קהלות אין דייטשלאַנד און ווייט איבער די גרעניצען פון לאַנד. דאָ אַהער זענען אויך געקומען טאָג איין טאָג אויס יודען פון דער גאַנצער וועלט, פרעגען דעם גרויסען רב אַן׳עצה וועגען פערשידענע וועלטליכע ענינים. אַנ-דערע זענען ווידער געקומען מיט פערשידענע שאלות און ספקות איבער געוויסע שווערע שטעלען פון דער תלמודישער ליטעראַטור, בעטענדיג רבינו מאיר׳ן אַנ׳אויפקלערונג און אַנ׳-אויסטייטשונג פון די דאָזיגע ערטער. קיינער איז נישט ארויס פון דעם דאָזיגען הויז אונצופרידען. רבינו מאיר האָט די דאָ-זיגע געסט זעהר פיין אויפגענומען. מיט יעדען בעזונדער גע-שמועסט, יעדן בעזונדער אויסגעהערט. דעם האָט ער געגעבען אַ ראַט ווי אַזוי זיך צו פיהרען אין טאָג-טעגליכען לעבען. יענעם ווידער האָט ער געעפענט די אויגען און געגעבען צו פער-שטעהען די שטעלען אין תלמוד, וואָס ער האָט ביז איצט נישט פערשטאַנען. אַנדערע ווידער האָט ער אויסגעגלייכט אין זייערע סכסוכים און געמאַכט צווישען די פערביסענסטע שונאים. רבינו מאיר׳ס וואָרט איז געווען הייליג. זיין אַרויסגעזאָגטער געדאַנק איז געוואָרען אַ געזעץ, וואָס איז טריי אָפּגעהיטען גע-וואָרען ווייט איבער די מויערן פון דער רוטענבורגער געטאָ.

די קריסטליכע בעפעלקערונג פון דער שטאָדט, וואָס האָט בטבע פיינד געהאַט יעדען יוד און שטענדיג געזוכט אַ גע-לעגענהייט אויסצוגיסען איר גאַנצען צאָרן אויף דער געטאָ, האָט דאָך נישט ווילענדיג געמוזט אַכטען דעם ערווירדיגען רב. דער פירשט פון האָהענבורג, דער בעל הבית איבער׳ן לעבען און פערמעגען פון דער שטאָדט רוטענבורג, האָט איהם אָפּט פער-בעטען צו זיך אין פּאַלאַץ אַריין און זיך מיט איהם בעראַטען

ווענען די וויכטיגסטע אנגעלעגענהייטען פון זיין פירשטענטום. דער פירשט האָט זער שטאַרק געשעצט די עצות פונ׳ם גרויסען רב און שטענדיג האָט ער געטון אַזוי, ווי רבינו מאיר האָט איהם געראטען.

זער אָפט האָט מען זיי ביידע געקאָנט טרעפען שפּאַצירען צוזאמען אינ׳ם ריטערליכען לוסט־גאָרטען, צווישען געדיכטע בוימער, פערטיפט אין אנ׳ערנסטען געשפּרעך.

דער פירשט פון האָהענבורג האָט בכלל געהאַט אַ נאָמען פון אַ יודען־פריינד, ער איז געווען איינער פון די געצעלטע ריטער אין מיטעל־אלטערליכען דייטשלאנד, וואס האָבען מיט אַלע כּוחות געשיצט די געפּלאָגטע יודען און נישט דערלאָזט דעם פינסטערען המון צו בעראבעווען די יודישע הייזער.

דאָס איז אָבער נישט געווען בלויז צוליב רייגער מענשענליבע און רחמנות צו די געיאָגטע און געפּלאָגטע. די פירשטען אין דייטשלאנד האָבען געפיהרט אַנ׳אויסגעלאַסען פערשווענדעריש לעבען. אין די ריטערליכע שלעסער זענען טאָג און נאַכט איינגעאָרדענט געוואָרען פערשווענדערישע בעלער, וואס האָבען אָפּגעקאָסט אוצרות מיט געלד. אויף די דאָזיגע בעלער האָט מען געקאָנט זעהען די טייערסטע וויינען און פרוכטען. אָפטמאָל האָבען אַזעלכע בעלער געדויערט גאַנצע מאָנאַטען. די געסט זענען זיך פונאנדערגעפאָהרען צופרידען, דאַנקענדיג דעם ריטערליכען בעל־הבית פאַר דער טייערער, קעניגליכער אויפנאַהמע. פון די דאָזיגע בעלער זענען די פירשטען שטאַרק פעראָרימט געוואָרען און זעהר אָפט האָבען זיך געפינען אין אַ גרויסער פערלעגענהייט. אין אָט אַזאַ צרה האָבען זיי זיך שטענדיג געווענדעט צום יוד. די יודען פון דער געטאָ האָבען קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און שטענדיג האָבען זיי דאָס לעצט ביסעל שווער פערהאָרעוועט פערמעגען געמוזט איבערגעבען אין די הענד פונ׳ם פערשווענדערישען פירשט, וועלכער האָט זיי אפילו נישט ווי געהעריג אָפּגעדאַנקט פאַר דער הילף, וואס זיי ווייזען איהם ארויס.

פאַר דעם ביסעל לופט, וואָס די יודען האָבען געאָטעמט,

האָבען זיי געמוזט זעהר טייער בעצאָהלען. שווערע שטייערן האָבען געהאָגעלט ווי אַ מבול אויף די איינוואוינער פון דער געטא. די יודען זענען פערעכענט געווען ביי די פירשטען אַלס דעם איינציגען גאָלד־גרובען, וואו זיי קאָנען צו יעדער צייט פריי און אָנגעשטערט אָנפילען זייערע אויסגעלעדיגטע קעשענעס. דערפאר זענען זיי בעשיצט געוואָרען פון דער פירשטליכער מאכט. נישט אויס ליבע, נאר אויס מורא, אז די מעלקענדיגע קוה זאָל נישט אומקומען.

אַזעלכע זענען געווען כמעט אַלע פירשטען פון דייטשלאנד און אזעלכער איז אויך געווען דער פירשט פון האָהענבורג.

---

## ב.

שווערע פינסטערע כמארעס האבען זיך אָנגעריקט איבערן הימעל פון דייטשלאַנד. דאס לאַנד איז געווען צוטיילט אויף פערשידענע פירשטענטימער, וועלכע האָבען זעהר אפט צווישען זיך געפיהרט אָרטיגע מחלוקות, און האבען זיך סוף כל סוף פערוואנדעלט אין מלחמות. די אייזערנע ריטער, האָבען גע־לעבט און געאָטעמט מיט מלחמה, קריג איז געווען זייער איינ־ציגער ציל אין לעבען. און איז נישט געווען קיין אויסערליכער שונא, האט מען זיך געשלאגען איינער מיט'ן צווייטען. דער קעניג האָט דעמאָלס געהאט אַ גאנץ שוואכען איינפלוס אויפ'ן לעבען פון לאַנד. זעהענדיג, אז די אָפטע ברודערליכע מלחמות פערארימען דאָס לאנד, האט דער קעניג געוואלט פעסטער פעראייניגען די מלוכה אין ארויסגעבען איינהייטליכע געזע־צען, וואס זאלען דינען אלס מוסטער פאר אלע פירשטענטימער. א גרויסער טייל פון די פירשטען האט דערין אבער געזעהען א סימן, אז דער קעניג וויל זיך מישען אין זייערע עסקים און בעגרענעצען זייער מאכט. זיי זענען זיך דעריבער צונויפ־

געפאהרען אין איינעם פון די ריטערליכע שלעסער און דארט האבען זיי אנגענומען א בעשלוס נישט צו הארכן דעם קעניג.

דער קעניג האט געגען די ווידערשפעניגע פירשטען ארויסגעשיקט זיין געטריי מיליטער. עס האט זיך אנגעהויבען א מורא׳דיגער בירגער-קריג. אלע שטעדט פון דייטשלאנד זענען פערוואנדעלט געווארען אין א גרויסען מיליטערישען לאגער, וואו איין ברודער האט געקעמפט מיט׳ן צווייטען. אלטע שטיינערנע סאלאנען זענען אפגעמעקט געווארען פון דער ערד, גאנצע שטעדט זענען חרוב געווארען, הונדערטער דערפער זענען אונטערגעצונדען געווארען און אוועק מיט׳ן פייער.

בירגער-קריג. שווער איז דאס לעבן בעת א מלחמה מיט׳ן אויסערליכען פיינד, ווען עס שטעהען געגען זיך צוויי ארמעען פון פיינדליכע לענדער. טויזענד מאל שווערער איז אבער דער בירגער-קריג, דא הערשען נישט קיין שום געזעצען, דאס לעבען ווערט הפקר. און פערלירט דאן אינגאנצען זיין ווערט. אמשווערסטען אמטראגישסטען איז אבער, אין אזא צייט דאס לעבען פון א יוד. דער פינסטערער אונטערגעהעצטער המון, וועלכער איז אין פרידענס-צייט געווען געבונדען דורך פערשידענע געזעצען — פערלירט איצט אינגאנצען די מורא און יודיש בלוט הויבט זיך אן צו גיסן ווי וואסער.

דער המון פערלירט איבער זיך דעם אויבער-האר. די מאכט איז נישט פעסט, עס איז נישטא ווער עס זאל שטראפען, דערצו קומען נאך צו די גלחים, וואס האלטען אין איין העצען.

דאס יודישע לעבען אין דייטשלאנד האט זיך איינגעהילט אין א שלייער פון טיפען טרויער. יעדען טאג זענען אויסגעבראכען אנדערע פאגראמען. דא האט זיך דער ווילדער המון ארייגעריסן אין געטא, אונטערגעצינדען אלע בנינים און מיט הילכיגע פריידענס-געשרייען האבען זיי בעגלייט די קרעכצען און פייניכע געשרייען פון די יודען, וואס זענען אומגעקומען אין די פלאמען. אויף אנ׳אנדער ארט האט זיך דער המון אונטער דער

אָנפיהרונג פון צווי גלחים אַריינגעלאָזט אין די יודישע גאַסען, אַרויסגענומען יונג און אַלט פון די הייזער און אַלעמען אויסגעקוילעט, נישט שוינענדיג די קליינע אומשולדיגע קינדער. צו אַלע צרות און אומגליקען, וואָס האָבען זיך דעמאָלס אַראָפּגעלאָזט אויף די יודען אין דייטשלאַנד, איז נאָך צוגעקומען נאָך איינע, וואָס האָט מיט זיך מיטגעבראַכט נייע מורא׳דיגע פּאָגראָמען און שחיטות פון יודען. דאָס איז דער שרעקליכער בלוט-בלבול, וואָס איז ענטשטאַנען אין יענער מורא׳דיגער צייט פון דייטשען בירגער-קריג. צום ערשטען מאָל האָבען דעמאָלס די גלחים געוואָרפען דעם שענדלעכען שרעקליכען פלעק אויף דער יודישער בעפעלקערונג, אַז זי בענוצט זיך מיט קריסטליך בלוט ביים פּערקנעטען מצה אויף פּסח.

אין פערשידענע שטעדט האָבען די גלחים פון די טריבונעס אַראָפּ געהעצט דעם המון נוקם צו זיין זיך אין די יודען. דער בלוט-בלבול איז געווען אַ פונק אין אַ פּולווערקעסעל. דער פינסטערער המון האָט זיך ווי אַ בלוט-דורשטיגע חיה געלאָזט איבער די שטעדט, איבערלאָזענדיג אונטער זיך אַ בארג-אַש פון די יודישע קהלות. אין גאַנץ דייטשלאַנד האָט געבושעוועט דאָס פייער, פירשטען האָבען מלחמה געהאַלטען מיט פירשטען, די קעניגליכע סאָלדאַטען האָבען געפיהרט אַ פערביטערטען קריג מיט די צובונטעוועטע ריטערליכע חיילות, און דער המון האָט זיך נוקם געווען אָן די שוצלאָזע יודען.

רוטענבורג איז געווען איינע פון די געצעהלטע שטעדט, וואו די יודען האָבען לעת עתה געלעבט רוהיג. דער פירשט פון האָהענבורג איז געווען דעם קעניגס שוואָגער, און אלס קרוב פון קעניג איז ער איהם געבליבען טריי און געקעמפט געגען די פעראייניגטע ריטערס. ער האָט צונויפגעזאַמעלט אין רוטענבורג גרויסע מיליטער-אָפּטיילונגען און זיי אַרויסגעשיקט צו הילף דעם קעניג. די פעסטונג פון דער שטאָדט האָט ער אַרומגעשטעלט מיט אַ שטאַרקער וואַך פון געטרייע און איבערגעגעבענע זעלנער, וועלכע האָבען אָפּגעשלאָגען יעדען אָנפאַל פון

די צובונטעוועטע ריטערס. ער האָט אויך געזעהען, אַז אין די מויערען פון שטאָדט זאָל הערשען די שטרענגסטע אָרדנונג און פאַר דער מינדסטער רוה-שטערונג האָט ער בעצאָהלט מיט דער גרעסטער שטראָף. די יודען פון רוטענבורג האָבען זיך דעריבער געפיהלט זיכערער ווי אין די אַנדערע קהלות. זיי זענען אָבער געווען שטאַרק אָנגעשראָקען פון די שרעקליכע בשורות, וואָס זיי האָבען זיך אָנגעהערט פון דערוויטענס. יעדען טאָג זענען אָנגעקומען אין שטאָדט אַריין מחנות אַנטלאָ-פענע יודען, וועלכע זענען קוים אַרויס מיט'ן לעבען פון שרעקליכען גהינום.

מיט אַ טיפען צער אין די אויגען האָט רבינו מאיר אויסגעהערט די שילדערונגען פון די אַנטלאָפענע יודען. אויף זיין פנים האָט זיך בעוויזען דער גאַנצער ים מיט ליידען פון אונגליקליכען פאָלק ישראל. גאַנצע טעג האָט ער געשפרייזט הין און צוריק איבער'ן צימער, אָפּשטעלענדיג זיך פון צייט צו צייט ביים ארון קודש און א טיפער קרעכץ האָט זיך ארויסגע-ריסען פון זיין פערוועהטאָגטען האַרץ.

— אָ, גאָטעניו, דערבאַרמדיגער פאָטער אין הימעל — האָט דער אַלטער רב געזיפצט — ווי לאַנג וועסטו נאָך צו זעהן דעם גרויסען צער פון דיין אויסדערוועהלט פאָלק.

איינמאָל, ווען עס איז אָנגעקומען א שרעקליכע בשורה, אַז דער המון איז אין שבועות בעפאַלען אַ יודישע קהלה אין עלזאַס, אַרויסגעשלעפּט אַלע יודען אויף דער גאַס און זיי ער-מאָרדעט מיט די שרעקליכסטע עינוים, האָט רבינו מאיר צוזא-מענגערופען אַלע יודען אין גרויסען בית-המדרש און אויסגערו-פען אויף צומאָרגענס אַ תענית.

— אַלע יודען מוזען קומען אין שוהל אַריין תהלים זאָגען פאַר אונזערע ברידער, גאָטס צאָרן האָט זיך אויף אונז אויס-געגאָסען. מען מאָרדעט אונז און מען פייניגט אונז, קומט מאָר-גען אין דער שוהל, בעט צו גאָט און זאָל אייער געוויין געהן אין הימעל אריין, אפשר וועט זיך גאָט דעמאָלס מרחם זיין אויף אונז.

אהיימקומענדיג אַ מידער און פול מיט ליידען פון שוהל, האָט ער ביי זיך אין צימער געטראָפען זיין יונגען געטרייען תלמיד ר׳ אשר, וועלכען ער האָט שטארק ליב געהאט.

— וואָס טוסטו איצט ביי מיר, אשר? — האָט איהם דער רב געפרעגט.

— איך וויל אייך איבערגעבען — האָט ר׳ אשר געענטפערט,— אַז געהענדיג פאר נאַכט פון ביתיהמדרש איז צו מיר צוגעקומען אַ דינער פון פירשט און מיר איבערגעגעבען פאַר אייך אַ בעפעהל פון פירשט, אַז מאָרגען מיטאָג-צייט זאָלט איהר זיך שטעלען אין פירשטליכען פאַלאַץ. דער פירשט פון האָהענבורג האָט מיט אייך צו רעדען וועגען זער אַ וויכטיגען ענין.

רבינו מאיר איז שוין די נאַכט נישט געשלאָפען, ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָס מאָל רופט איהם נישט דער פירשט אונטערצוהאלטען זיך מיט איהם אין עפּעס. א וויסענשאַפטליכען דיספוט. די צייט איז איצט נישט דערצו דער דרינגענדער בעפעהל און דער שטרענגער אָנזאָג, אַז ער מוז מאָרגען אונבעדינגט קומען אין פּאַלאַץ האָט איהם אונטערגעזאָגט, אַז דאָרט וועט איהם דאָס מאָל קיין גוטס נישט ערוואַרטען.

צומאָרגענס איז ער אויפגעשטאַנען א מידער און א צובראָכענער.

אין שטאָדט איז געווען א תענית, אַלע געוועלבער זענען געווען געשלאָסען, יונג און אלט איז פון בעגינען אָן געגאַנגען אין שוהל. קיינער האָט נישט געפעהלט, אלע זענען געקומען בעטען און וויינען, אז גאָט זאל זיך שוין ענדליך מרחם זיין אויף זיין פאלק. עס איז אנגעקומען דער רב בעגלייט פון זיין משמש ר׳ משה און זיין תלמיד ר׳ אשר. אין שוהל איז געוואָרען שטיל. דער רב איז צו צום ארון קודש, אויפגעשאַרצט דאָס פרכת, און מיט א פערשטיקט געוויין האָט ער אָנגעהויבען— „תפלה למשה״.

ווי א געבערום פון אַ געיאָגטע סטאדע, האט זיך איבער דער שוהל צעוויגט דער טרויעריגער ניגון פון דער עדה. און פלוצלינג איז דער ניגון איבערגעגאנגען אין א גרויס געוויין,

מען האט שוין נישט געהערט מער קיין ווערטער, דאס געוויין פון דער עדה האָט זיך צוזאמענגעגאָסען אין איין גרויסער יללה און זיך געריסען צום הימעל.

---

## ג.

מיטאָג־צייט. גרופּקעסווייז זענען די מענשען אַרויס פון שוהל. מען איז געגאַנגען און גערעדט צווישען זיך וועגען דעם אונגליק, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפ׳ן פאָלק און ביטער אונטערגעקרעכצט. דעם רב׳ס יונגער תלמיד, ר׳ אשר, איז צוזאַמען אַרויס מיט אַלע יודען פון דער שוהל און מיט שנעלע טריט געאיילט צום רב׳ס הויז. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דער רב דאַרף באַלד געהן צום פירשט, האָט ער געוואָלט איהם נאָך טרעפען און וואונשען, אז ער זאָל בשלום אַהיימקומען.

פּלוצלינג האָט איהם עפּעס אַ זעץ געטון אין די אויגען און גר איז געבליבען שטעהן אַ פערציטערטער. אין אַ ווינקעל פון רב׳ס הויז האָט ער דערזעהן אַ הויכען דאַרען יונגען־מאַן מוט אַ פרעכען ציניזשען בליק אין די אויגען. ער האָט איהם דער־קענט, דאָס איז געווען קעמפּע, רבינו מאיר׳ס אַ געוועזענער תלמיד און זיינס אַנ׳אַמאָליגער חבר, וואָס איז אויסגעגאַנגען צו תרבות רעה, אַנטלאָפען פון דער ישיבה, פעראַטען זיין גאָט און זיין פאָלק און זיך אָפּגע׳שמד׳ט אין פראַנקפורטער קלויסטער. פון דעמאָלס אָן האָט ער אָנגעהויבען אָנצוטון זיי־נע געוועזענע גלויבענס־גענאָסען פערשידענע צרות. נישט גע־וועז די וואָך, וואָס ער זאָל נישט האָבען אויסגעטראַכט קיין נייעם בלבול אויף יודען. האָט ער זיך בעוויזען ערגעץ אין אַ שטעדטעל, האָט מען שוין געוואוסט, אַז עס שמעקט מיט אַ צרה פאַר דער יודישער קהלה. בלויז אין רוטענבורג האָט ער זיך די גאַנצע צייט נישט געוויזען. ער האָט ווי מיט אַ כּיון אויסגעמיטען די דאָזיגע שטאָדט. דאָ האָט מען זיך אָנדער־צעהלט פערשידענע מעשיות וועגען זיין שרעקליכער טעטיגקייט.

די אַנטלאָפענע יודען פון די אַרומיגע פּאָגראָמירטע שטעדט האָבען מיט אַ שוידער אויף די ליפען דערמאָנט זיין נאָמען. דער שענדליכער בלוט-בלבול, וואָס די גלחים האָבען פערשפּרייט צווישען דעם פינסטערען המון, איז אויך געווען איינס פון זיינע שרעקליכע המצאות צו גיסען בוימעל אויפ'ן פייער, וואָס האָט שטענדיג געפלאַקערט אין די הערצער פון פעבעל געגען די יודען.

דערזעהענדיג דעם שענדליכען משומד אין דער נאָהנט פון רב'ס הויז, האָט ר' אשר אינסטינקטיוו אַ ציטער געטון. ער איז געווען איינער פון די געצעהלטע מענשען אין רוטענ-בורג, וואָס האָבען געוואוסט דעם סוד פון קעמפּעס פּלוצלינגען שענדליכען שמד און שנאה צו יודען. די אורזאך דערפון איז געווען רבינו מאיר'ס איינציגע טאָכטער, שרה. דאָס איז געווען אַ יונג, צאַרטע שטילע טויב, דאָס איינציגע קינד, וואָס איז דעם ער וירדיגען רב איבערגעבליבען נאָך דעם גרויסען פּאָג-ראָם מיט יאָהרען צוריק אין פראַנקפורט, וואו מען האָט זיינע דריי זוהן אויף אַ טירישען אופן ערמאָרדעט. שרה אַליין איז איהם איבערגעבליבען. ער האָט זי אָפּגעהיטען נאָך מער, ווי דאָס שוואַרץ-אַפּעל פון אויג.

אָט צו דער דאָזיגער יונגער און צאַרטער פּרוי האָט זיך קעמפּע גע'שדכנ'ט, ווען ער איז נאָך געווען אַ יוד און געלערנט אין רבינו מאיר'ס בית-המדרש. רבינו מאיר האָט אָבער קעמ-פּען נישט געוואָלט נעמען פאַר אַן'איידעם, איהם האָט קיינ-מאָל נישט געפאַלען קעמפּעס לייכטזיניגע אויפפיהרונג און זיינע ווילדע שטיק, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזען פון קינד-הייט אויף. בעקומענדיג דעם אָפּזאָג פון רב, האָט ער געזעהן, אַז שרה וועט שוין זיין פּרוי קיינמאָל נישט זיין, דעמאָלס האָט ער אָנגענומען זיין טייוולעשען שענדליכען פּלאַן: צו שמד'ן זיך און צו רודפ'ן די יודען. בעזונדערס האָט ער געשוואוירען צו נעמען אַ בלוטיגע נקמה אין אַלטען רב, דערפאַר, וואָס ער האָט איהם געוויזען די טיר און איהם אָפּגעזאָגט צו געבען שרה'ן פאַר אַ ווייב.

פאַר דעם יונגען ר׳ אשר איז דאָס אַלץ נישט געווען קיין סוד און דעריבער האָט ער זיך שטאַרט דערשראָקען, דערזע־הענדיג פלוצלינג דעם משומד אין רוטענבורג, פערשטעקט ערגעץ אין א ווינקעל נעבען רבינו מאיר׳ס הויז.

— אַ שלעכטער סימן — האָט זיך ר׳ אשר געטראַכט.— קעמפּע אין רוטענבורג, ווער ווייס, וואָס פאַר אַנ׳אונגליקען עס וועלען זיך באַלד אראָ־לאָזען אויף אונזער געטאָ. אויסער דעם האָט ער זיך שטאַרק געשראָקען פאַרן גורל פון שרה׳ן.

— דער משומד האָט זי נאָך נישט פערגעסען — האָט ער זיך ווייטער געטראַכט — ער דרעהט זיך דאָ אין דער נאָהנט ארום — ווער ווייס מיט וואס פאַר אַ פּלענער דער שענדליכער פעררעטער טראגט זיך אַרום וועגען איהר. מען דאַרף געהן וואָרנען, מזהיר זיין דעם אַלטען רב, אַז ער זאָל שרה׳ן היטען, נישט אראָפּלאָזען זי פון אויג, דען אויף דעם דאָזיגען משומד איז אַלץ צו גלויבען. ער קאָן זי מיט געוואַלד אַוועקפיהרען און זי נויטען חתונה צו האָבען מיט איהם, ווער ווייס איהם דען שטערען, עס איז דאָך נאר אַ יודיש קינד, א יודישע פרוי, און וואס פאר א ראלע שפּילט דען דער ווילען פון א יודישע פרוי אין דער צייט, ווען ארום און ארום קוילעט מען די יודישע בעפעלקערונג און פאַר די גלחים אין די אויגען מאַכט זיך דער המון לוסטיג איבער די לייבער פון די האַלב־טויטע ארויס־געשלעפּטע יודישע פרויען.

מיט שנעלע טריט האָט ער זיך געאיילט אין רב׳ס הויז. אַריינקומענדיג אַהין, האָט ער שוין געטראָפען די שענסטע יודישע בעלי־הבתים פון שטאדט זיצען ביים טיש מיט רבינו מאיר׳ן און גרייטען זיך מיטצוגעהן אין פירשטליכען פּאלאץ. ר׳ אשר האט געזעהן, אַז נישט איצט איז די צייט צו דערצעהלען דעם רב דאָס, וואס ער האט בעמערקט אין גאַס. ער האט עס דערי־בער אפּגעלעגט אויף אנ׳אנדער מאָל, ווען דער רב וועט זיין אליין אין שטוב. ביי זיך, אָבער, האט ער בעשלאָסען צו שטעהן אויף דער וואַך און צו היטען די עהרע פון שרה׳ן. ער האט בעשלאסען ביי זיך נישט אראפּצולאזען קיין אויג פון

שרה'ן און זעהן, אז דער שענדליכער עקעלהאפטער משומד זאל איהר נישט קאָנען טהון קיין שלעכטס. אננעמענדיג דעם דאָזיגען בעשלוס, האט ער זיך בערוהיגט און וואונשענדיג דעם רב, אז ער זאל בעגליקען אין זיין וועג, איז ער ארויס פונ'ם הויז און געגאנגען אין בית־המדרש אריין. איצט האט ער שוין קעמפען נישט בעמערקט.

— דער משומד האט זיך אפגעטראגען, — האט ער זיך געטראכט, — אָבער זאָל ער נאר וואגען, זאל ער נאר, חלילה, פרובען אויפהויבען א האנד אויף שרה'ן...

אין בית־המדרש איז געווען שטיל. די יונגע לייט, וואס האבען דא שטענדיג פערקלינגען די וועגד מיט זייער לערנען, זענען פערשמאכטע פון תענית פונאנדערגעגאנגען, איבערלאזענ־דיג אין בית־המדרש אַ לעדיגע וויסט־טרויעריגע פוסטקייט, וואס האט אראבגעקוקט פון די טונקעלע וועגד. ר' אשר איז צו צום ספרים־שאנק און ארויסגענומען א ספר. דאס איז געווען מגלת איכה, דאס גרויסע הייליגע טרויער־ליד, וואס ירמיהו הנביא האט אנגעשריבען אויף דער פערברענטער אש פון ערשטען בית־המקדש. ער האט אויפגעמישט דאס ספר און מיט א זיס־וויינענדיגער שטימע, האט ער זיך צוזינגען מיט די ווערטער פונ'ם נביא איבער'ן חורבן פון בית־המקדש, איבער דער שוואכקייט פון יודישען פאלק, איבער דעם גרויסען צער און צארן, וואס שוועבט איבער דער אומה זייט טויזענדער יאהרען. לאנג האט ער אבער נישט געקאנט איינזיצען אויפ'ן ארט, ער האט זיך דערמאנט אן דער געפאהר, וואס שוועבט איבער'ן רב'ס הויז, און פערמאכענדיג דאס ספר, איז ער צוריק ארויס פון בית־המדרש. ער איז צוגעגאנגען צום רב'ס הויז און זיך גוט ארומגעקוקט אין די ווינקעלעך, דא האט ער זיך ענדליך, ווידער בערוהיגט. דער משומד קעמפע איז נישטא. שרה'ן וועט איצט קיין שלעכטס נישט געשעהן, אָבער אויף דער וואך דארף מען שטעהן.

## ד.

רבינו מאיר מיט די חשוב[illegible]ן פון שטאָדט זענען געגאַנגען צום שלאָס. צוקומענדיק צום טויער פון פּאַלאַץ, האָט זיי אַ דינער אַלעמען אַרײַנגעפירט אין הויף און דאָרט האָט ער אָנגעוויזן דעם רב׳ס בעגלייטער אַ צימער, וואו זיי זאָלען וואַרטען ביז דער רב וועט צוריק אַרויסקומען. דעם רב אַליין האָט ער אַרײַנגעפירט אין אַ גרויסען זאַל און אים אָנגעוויזען אויף אַ טיר דורך וועלכער ער זאָל אַרײַנגעהן צום פּריץ.

בלייבענדיג אַליין האָט רבינו מאיר זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעל, בעטענדיג הייס צו גאָט, אַז ער זאָל איהם אויסלייזען פון יעדער געפאַהר, און ער זאָל נישט פון איהם אָפּטהון דעם חסר, וואָס ער האָט מיט איהם שטענדיג געטהון.

נאָך דער קורצער תפלה, האָט זיך רבינו מאיר בערוהיגט, פערלאָזענדיג זיך אויף גאָט, אַז ער וועט איהם ביישטעהן. ענדלעך, האָט ער זיך אויסגעגלייכט און מיט אַ זיכערען בליק פול בטחון איז ער צו צו דער טיר.

דאָ האָט איהם אָבער געטראָפען אַ גאַנץ אונאַנגענעמע איבעראַשונג. די טיר האָט זיך גאַנץ אונערוואַרטעט געעפענט און אויף דער שוועל האָט זיך בעוויזען קעמפּע.

מיט אַ פרעכען בליק אין די אויגען איז ער צו צום ערווירדיגען רב און מיט אַ גיפטיגער איראָניע אַ פרעג געטהון:

— נו, רבי, איהר דערקענט מיך נישט, איהר האָט זיך אוודאי נישט גערעכט מיך דאָ צו טרעפען.

רבינו מאיר האָט געוואָרפען אַ פעראַכטענדיגען בליק אויף דעם משומד און געענטפערט:

— יאָ, איך דערקען דיך, דו ביסט דאָך דער פּושע-ישראל קעמפּע. פאַר וואָס זאָל איך דיך נישט דערקענען, ביסט דאָך אַ מאָל געווען מיין תלמיד איך האָב דאָך דיר געגעבען

צו עסען, מיינענדיג, אַז דו וועסט אַרויסוואַקסען אַ לייט, גאָט איז אָבער מיין עדות, אַז איך האָב דעמאָלס נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ שלאַנג איך ערציה אין מיין בוזעם.

גאָט האָט מיך טאַקי געשטראָפט און דיך געמאַכט פאַר מיין בלוטיגסטען שׂונא, וואָס לויערט אויף מיינע שריט, כדי מיך אומצובערענגען פון דער וועלט. גאָט איז אָבער מיין עדות, אַז איך האָב דיר קיינמאָל קיין שלעכטס נישט געטהון, נישט איך און נישט קיינער פון מיין פאָלק. דו אָבער, זוכסט שטענדיג אין אונז צו נעמען אַ בלוטיגע נקמה. דער שומר ישראל זאָל בעשטראָפען דעם רשע פאַר זיינע שלעכטע מעשׂים, אַ וי, אַז קיינער זאָל דעם אַנדערן נישט קענען טהון מער קיין שלעכטס. די דאָזיגע ווערטער האָבען ווי פיילען געטראָפען אין האַרץ פון משומד און איהם אַריינגעבראַכט אין א ווילדען כעס.

— אָבער איידער דער צאָרן פון אייער גאָט וועט זיך אויף מיר אויסגיסען — האָט ער מיט אַ דונערנדיגער שטימע זיך געווענדעט צום רב — וועל איך דיר און דעם יודישען פאָלק ווייזען מיין קראַפט. מיין נאָמען וועט בלייבען פאַר אייך אַן אייביגער שרעק און מיט בלוט און פייער וועל איך איהם פערשרייבען אויף אייערע הערצער. דעמאָלס וועסטו ערשט פערשטעהן צו וועמען דו האָסט גערעדט אַזעלכע ווערטער און אויף וועמען דו האָסט אויסגעגאָסען אַ מבול מיט קללות און חרמות.

— איך האָב מורא נאָר פאַר דעם איין-איינציגען גאָט אין הימעל — האָט איהם דער רב ווידער אָפּגעענטפערט מיט ווירדע — נאָר פאַר גאָט, וואָס שלאָגט און היילט אונז גלייכצייטיג, האָב איך מורא. אָבער פאַר דיר, עוכר ישראל, שרעק איך זיך בכלל נישט. איך וויים, אַז דו שפּינסט פּלענער געגען מיר אַריינצוקריגען מיך אין דיין מאַכט, כדי דו זאָלסט דערנאָך קאָנען מיט מיר טהון, וואָס דו ווילסט. איך האָב אָבער בטחון אין אונזער גרויסען גאָט, ער וועט דיינע אַלע פּלענער צו נישט מאַכען און פון אַלע צרות וועט ער מיר אַרויסהעלפען. דיין סוף, זאָג איך דיר, וועט אָבער זיין זער אַ שלעכטער, דו

וועסט ענדיגען אַזוי מיאוס און עקשׂי[illegible]פט, ווי עס ענדיגען אַלע פעררעטער פון זייער פאָלק.

אויפגעבראַכט פון די דאָזיגע [illegible] איז דער משומד אַרויס מיט אַ מבול זידלערייען אויף רבינו מאיר׳ן און אויף דער יודישער אמונה.

רבינו מאיר האָט איהם שוין, אָבער, גאָר נישט גע-ענטפערט. ער איז גלייך צו צום פירשט׳ס טיר און געעפענט.

דערזעהענדיג רבינו מאיר׳ן איז דער פירשט שטאָלץ אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט און געמאַכט צו איהם איינינע טריט. ער האָט איהם אָנגעוויזען אויף אַ שטיל אַקעגענאיבער און מיט אַ געמאַכטער פריינדליכקייט האָט ער געזאָגט:

— געערטער רב! זייט איך האָב דערקענט דיין כאַראַקטער, האָב איך זיך איבערציינט, אַז דו ביסט אַ זער פערנינפטיגער מענש און דו טראַכסט נאָר שטענדיג גוטס וועגען פעלקער און מענשען. דיינע מיינונגען איבער פאָליטישע פראַגען זענען אויך שטענדיג טרעפליך, און פול מיט לאָגישער איבערציינונג. איך דערמאָן עס איצט אַקעגען דעם, וואָס מיין שוואָגער דער קעניג, שטעלט איצט צונויף אַ גרויסע אַרמעע געגען זיינע פיינד, וואָס האָבען זיך צובונטעוועט געגען איהם. ווען דער קריג וועט זיך זיגרייך ענדיגען, וועט דער קעניג בעלוינען מיט דער פולער האַנד, די אַלע, וואס זענען איהם טריי געבליבען, און איהם מיטגעהאלפען אין שווערען קאַמף. דער גרעסטער טייל פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג פערשטעהט דאס און דעריבער האָ-בען זיי זיך אַלע גענומען צום געווער, מיט שווערד און ביקס פערטיידיגען זיי די עהרע פון זייער קעניג. איהר, יודען, זענט אבער אין דער דאזיגער היגזיכט הינטערשטעליג. איהר זענט צום קאמף אינגאַנצען גלייכגילטיג און איהר זענט נישט ביי-הילפיג דעם קעניג אין זיין שווערען קאַמף. איהר פערגיסט נישט אייער בלוט אויף די שלאַכט-פעלדער אייערע זוהן זעהט מען נישט אין די רייהען צווישען די טרייע קעמפער פון קעניג איך ווייס, אַז מלחמה איז נישט אייער אייגענשאַפט, איר זענט נישט צוגעוואוינט צו טראָגען געווער, איהר קאָנט

איהם אָבער ארויסווייזען אייער הילף אויף אַנ׳אַנדער אופן. דער קריג קאסט דעם קעניג אַ סך געלד, אַלע אוצרות זענען שוין באַלד אויסגעשעפּט. ווייזט־זשע איהם ארויס טרייהייט, און שטיצט אונטער דעם קעניג מיט אייער רייכטום. פינאַנסירט דעם קריג און דערמיט וועט איהר ארויסווייזען, אז איהר זענט ווערט דעם חסד פון אונזער קעניג.

— אייער דורכלויכט — האָט איהם רבינו מאיר נאך אַ קורצער ווײַלע געענטפערט — איר ווייסט דאָך גאנץ גוט, אַז וואס מיר זענען געווען ביכולת האבע מיר געטהון. אַלע שווערע שטייערן, וואס אייער דורכלויכט האָט אויף אונז ארויפגעלעגט, האָבען מיר טריי און פּינקטליך געצאָהלט. דער קאָפּ־שטייער, וואס דריקט אונז ווי אַ שווערע לאַסט, האבען מיר אויך איינגאנצען אַריינגעטראגען. מיר האָבען זיך נישט גערעכענט דערמיט, וואס עס זענען פערהאַן אַ סך אָרימע יודען, וואס קאנען דעם דאזיגען שטייער נישט צאהלען. אונזערע גבירים האבען דעם חוב געדעקט פאַר זייערע ארימע ברידער, מיר האבען נישט געוואלט, אז מען זאָל זאגען אויף אונז, דאס מיר זוכען זיך אויסריידען, ארויסצודרעהען זיך פון אונזערע פליכטען. קיין בעל־חוב דער מלוכה זענען מיר, אלזא, נישט געבליבען. דעם מלחמה־שטייער צאהלען מיר אייך שוין גאנצע צעהן יאהר. גאָט איז אונזער עדות, אז דעם דאזיגען שטייער צאהלען מיר שוין איבער אונזערע כוחות, נאר פערפאלען, מיר פיהלען זיך פערפליכטעט צו העלפען דעם קעניג אין קאמף מיט זיינע פיינד. מען קאן דעריבער נישט זאגען, אז מיר בעציהען זיך גלייכגילטיג. אייער פערלאנג, דורכלויכט, איז מיר, אבער, טייער, און נישט קוקענדיג אויף דער גרויסער לאסט פון די ביז איצטיגע שטייערן, בין איך גרייט צוזאמענצורופען אַ גרויסע פערזאמלונג פון מיין קהלה און דארט וועל איך זיי בעוועגען אונטערצושטיצען דעם קעניג מיט פרישע געלדער. דאס געלד, וואס איך וועל צוזאמען נעמען, וועל איך איבערגעבען אייער דורכלויכט.

אויף דעם פירשט׳ס פנים האט זיך בעוויזען אַנ׳אונצו

פרידענהייט, קענטיג, אז דעם רב'ס ערקלערונג האט איהם נישט צופרידענגעשטעלט.

— ווי איך זעה, האט דער ערווירדיגער רב נישט פערשטאַנען מיין פערלאנג — האט דער פירשט איהם מיט א דינעם כיטרען שמייכעלע געענטפערט — חלילה, פון די היגע יודען פערלאַנג איך גאָרנישט. איך ווייס, אַז די ביז איצטיגע שטייערן שטעלען זיי שוין אַזוי אויך געגוג בדלות. אין מיינע אינטערעסען ליגט דאָך נישט איינגאַנצען צו פעראָרימען די יודישע בעפעלקערונג. איך פערלאַנג פון דיר איצט גאָר עפּעס אַנדערש, איך וויל, אַז דו זאָלסט זיך ווענדען צו דיינע ברידער, וואָס וואוינען אויסער די גרעניצען פון דייטשלאַנד, מיט אַ הייסען אויפרוף, אַז זיי זאָלען אונטערשטיצען מיט געלד אונזער קעניג. מיינס אַ פערטרויאונגס־מאַן האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט זער געאַכטעט צווישען די יודען אויף דער גאַנצער וועלט, דאָס פרעהט מיך זעהר, אַלץ וואָס דו וועסט נאָר פון זיי פערלאַנגען וועלען זיי דיר צוליב טהון און מיט פערגעניגען ערפילען. איך בין דעריבער איבערצייגט, אַז דיין מיסיע וועגען אַ געלד־זאַמלונג צווישען די רייכע אויסלענדישע יודען וועט געקרוינט ווערען מיט ערפאָלג.

רבינו מאיר איז געבליבען געטראָפען ווי פון אַ דונער. ער האָט פערשטאַנען, אַז די דאָזיגע מעשה האָט ער צו פערדאַנקען דעם משומד קעמפע, דאָס איז זיינס אַ שטיקעל אַרבייט, כדי איהם אַריינצושלעפען אין אַ צרה פון וועלכער ער וועט זיך שוין נישט קענען אַרויסדרעהען.

ער האָט אָבער נאָך נישט אויפגעגעבען די האָפנונג און געפּרובט צו ווירקען מיט איבערצייגענדע ווערטער אויפן פירשט, אַז ער זאָל ענדערן זיין בעשלוס.

— האָהייט! — האָט ער מיט אַ שטים פול ווירדע זיך געווענדעט צום פירשט — זיי מיר מוחל די דרייסקייט, וואָס איך נעם זיך איצט אָפּצוּווענדען די רייד פון אייער דורכלויכט. ווייס איך דאָך, אַז דיין הערשאַפט ווערט שטענדיג געפיהרט מיט יושר און גערעכטיגקייט און דו ווייזט אַרויס דיין חסד

צו אַלע דיינע אונטערטאַנען. האָרך־זשע מיך, גנעדיג, אויס און דו ווערסט זעהן, אז דיין פערלאַנג איז מיר אונמעגליך צו ערפילען.

דאָס יודישע פאָלק איז זייט טויזענדער יאָהרען צוזייט און צושפרייט איבער די וועלט, ווי אַ פערלאָזענע סטאַדע שעפסען אָהן אַ פאַסטוך. זייט מיר זענען פערטריבען געוואָרען פון אונזער הייליג לאַנד האָבען מיר נישט קיין געקרוינטען מלך איבער אונז, וואָס זיין וואָרט זאָל גילטען אַלס בעפעהל פאַר אַלע יודען פון דער גאַנצער וועלט. מיר האָבען נאָר איצט אייניגע גרויסע גייסטיגע פיהרער, אָבער זיי האָבען נישט קיין וועלטליכע מאַכט איבער'ן פאָלק. זייער וואָרט איז נאָר גילטיג בלויז אין רעליגיעזע און גייסטיגע פראַגען. זיי זענען די לערערס פון פאָלק, אָבער נישט קיין הערשערס. צו מיר קומען אויך טאָג־טעגליך יודען פון דער גאַנצער וועלט, אַז איך זאָל זיי בעלערען און אויפקלער־ען אין געוויסע רעליגיעזע פראַגען, אָדער אין געוויסע שטעלען פון אונזערע הייליגע ספרים. זיי האלטען מיך פאַר זייערס אַ לערער, פאַר אַ גייסטיגען פיהרער, אָבער צו הערשען איבער זיי און זיי בעפעהלען דאָס אָדער יענץ, האָב איך נישט קיין מאַכט, מען וואָלט מיך נאָר אויס־געלאַכט. דעריבער, גנעדיגער פירשט, גלויב איך נישט, אַז די מיסיע, וואָס דו האָסט פאַר מיר בעשטימט זאָל האָבען ערפאָלג.

רבינו מאיר'ס קלוגע און איבערצייגענדע רייד האָבען אָבער געהאַט אַ פערקערטע ווירקונג. אויסער זיך פאַר כעס, האָט דער פירשט אַ קלאַפּ געטון מיט דער פויסט אין טיש און מיט א דונערענדער שטים אָנגעהויבען צו שרייען:

— איך פיהר מיט דיר איצט נישט קיין דיספוטען, וואָס איך זאָל יאָ טהון אָדער נישט. עס געהט מיך אויך גאַנץ ווע־ניג אָן צו איך בין ביי דיר גערעכט אָדער אונגערעכט. איך האָב דיך גערופען אויסצוהערען דעם בעפעהל פון זיין מאַ־יעסטעט. איך גיב דיר צייט אַכט וואָכען. ביז דעמאָלס מוזט דו צושטעלען אין דער קעניגליכער שאַץ־קאַמער אַ סומע פון

צוואַנציג טויזענד זילבער־מאַרק, אין דריי חדשים אַרום — נאָך אַ מאָל די זעלבע סומע. דערפון טאָר נישט פעהלען קיין איין פּרוטה אין עס איז מיר אַלץ איינס, אויף וואָס פאר אַנ׳ אופן דו וועסט דאָס געלד בעקומען פון דיינע יודען. דאָס איז שוין דיין זאַך. איך וואָרן דיך, אָבער, נאָך אַ מאָל נישט גרינג. צושעצען דעם בעפעהל און עס נישט צו האַלטען פאַר אַ קליי. ניגקייט. מיט דיין לעבען ביזטו מיר פעראַנטוואָרטליך דערפאַר. און איך דאַרף דאָך דיר נישט זאָגען, ווי אָך און וועה עס איז צו דעם, וואָס צִיהט אויף זיך דעם צאָרן פון זיין קעניגליכער מאַיעסטעט. איך ראָט דיך דעריבער נאָך אַ מאָל, נישט צו פער־שפּעטיגען דעם טערמין. דאָס געלד וועסטו דיר שוין פערשאַ־פען. איך ווייס, אַז דו וועסט דיר קאָנען אַנ׳עצה געבען. יודען האַלטען דאָך דיך פאַר אַ זער הייליגען מאַן און דיך אויסצולייזען פון תפיסה, וועט פאַר זיי קיין סומע נישט זיין צו טייער. נו, און איצט קאָנסטו שוין אַהיים געהן. זאָל דיר אָבער נישט איינפאַלען קיין געדאַנק צו אַנטלויפען, דיין הויז ווערט געהיטען פון אַלע זייטען און מיינע מענשען וועלען שוין דערויף גוט אכטונג געבען, אַז דו זאָלסט זיך נישט קאָנען ארויסקריגען פון שטאָדט.

---

## ה.

אַזוי ווי אַ מענש, וואָס ווערט אויף א וואונדערליכען אופן געראַטעוועט פון אַ שרעקליכער צ־ה, אזוי האָט זיך געפיהלט רבינו מאיר אַהיימקומענדיג צו זיך אין שטוב אַריין. ער האָט אָפּגעגעבען אַ לויב צום בעשעפער פאַר דעם ג־ויסען חסד, וואָס ער טוט מיט איהם שטענדיג און שיצט איהם פון אלעם בייז. זיין גרויסער בטחון צו גאָט, האָט איהם אַריינגעגעבען מוט און האָפנונג, אז אין משך פון די אַכט וואכען, וואָס ער דאַרף צו שטעלען דאָס געלד, וועט זיך שוין געפונען עפּעס אַ מיטעל אַרויסצודרעהען זיך פון דער שרעקליכער צרה.

מיט דער האָפנונג אַליין האָט ער זיך אָבער נישט בע-
ניגען געלאָזט. דער מענש מוז טהון, זוכען עצות, אנגעמען
מיטלען און דעמאָלס ערשט קאָן ער האָפען, אַז גאָט וועט
איהם צוהעלפען. רבינו מאיר האט דעריבער בעשלאָסען נישט
צו זיצען מיט פערלעגטע הענד, נאָר נעמען זיך צו דער אר-
בייט. ער האָט פונאנדערגעשיקט בריף צו די אויסלענדישע
קהלות וועגען דעם ביטערן גורל וואָס איהם ערוואַרט. אין די
בריף האָט ער זיי אין די שרעקליכסטע פארבען געשילדערט די
לאגע פון די יודען אין דייטשלאנד. ער האט זיי געשריבען
וועגען די מורא׳דיגע פאָגראָמען אויף דער יודישער בעפעלקע-
רונג און צולעצט וועגען דער אונערהערטער פאָדערונג אונטער
דער דראָהונג פון תפיסה צו שאַפען געלד פאַר׳ן קעניג. מיט דער
האָפנונג אַז די בריף וועלעןווירקען אויף די אויסלענדישע
קהלות, האָט ער זיך אוועקגעזעצט א בערוהיגטער איבער די
הייליגע ספרים און געוואַרט אויף תשובה.

ווי מיר ווייסען, איז רבינו מאיר שוין געווען געוואוינט
צו צרות. זיין גאנץ לעבען איז געווען איין גרויסע קייט פון
אונגליקען. מיט דריי יאהר צוריק איז איהם אָפגעשטאָרבען
זיין פרוי, וועלכע ער האָט שטאַרק געאכטעט. זיינע דריי
זוהן זענען, ווי מיר ווייסען, געפאלען אלס קרבנות אין פראנק-
פורטער פאָגראָם. זיין איינציגע טרייסט אין לעבען איז איצט געווען
שרה. צייטענווייז, ווען ער האָט זיך אָפגערוהט פון לערנען,
האָט ער זי אַריינגערופען צו זיך אין צימער און מיט איהר
פערפיהרט א פאטערליכען שמועס. זי האָט זיך שטענדיג בע-
מיהט דעם אַלטען פאָטער אַריינצוברענגען אין א גוטער שטי-
מונג און צו פערגעסען די גרויזאמע ליידען, וואס ער איז דורכ-
געגאנגען אין זיין לעבען. לעצטענס, האט אבער דעם אלטער
רב בעמערקט אַ וואונדערבארע ערשיינונג. שרה קומט צו
איהם אַריין זער אָפט, נישט ווי איהר טבע איז געווען ביז
איצט, און זיצט אָפּ אין זיין צימער, א שווייגענדע, א פער-
טרויערטע, נישט ארויסרעדענדיג קיין ווארט. דערצו האָט
ער בעמערקט, אז זי הויבט אָן פון טאג צו טאג שלעכטער

אויסצוזעהן. רבינו מאיר האט זיך דערפאר זעהר דערשראקען, עפּעס דרוקט איהר אויפ׳ן האַרץ — האָט ער זיך געטראַכט — זעהענדיג זי אַריינקומען אין צימער — עס מוז איהר עפּעס וועה טהון, אָבער וואָס איז די אורזאַך דערפון? זיין פּאָטערלין האַרץ האָט זיך געשראָקען. האָט ער זי איינמאָל צו זיך צוגערופען און געבעטען צו דערצעהלען איהם, וואָס איהר דרוקט. שרה האָט אָבער, ווי אַ שטילע טויב אַראָפּגעלאָזט טרויעריג דעם קאָפּ און געשוויגען. זי האָט נישט געענטפערט און דאָס האָט נאָך מער בעאונרוהיגט רבינו מאיר׳ן. זיין אונרוה איז נאָך מער געוואַקסען, בעמערקענדיג, אַז אויך זיין טרייער יונגער תלמיד ר׳ אשר, איז אויך עפּעס איינגעהילט אין אַ געהיימען טרויער. דאָס בלאַסע איידעלע פּנים פון דעם יונגען בחור, האָט אויך עפּעס אויסגעדרוקט אַ געהיימע זאָרג.

רבינו מאיר האָט געפיהלט, אַז ר׳ אשר טראָגט זיך אַרום מיט עפּעס אַ שרעקליכען סוד. ער האָט בעמערקט אין ר׳ אשר עפּעס אַ נערוועזע צושטרייאונג וואָס איז קיינמאָל נישט געווען אין זיין טבע. אַ לענגערע צייט האָט זיך רבינו מאיר נישט געמאַכט זעהען די דאָזיגע ענדערונג. זעהענדיג, אָבער, אַז ר׳ אשר ווערט פון טאָג צו טאָג בלאַסער, האָט ער שוין געפיהלט אַלס זיין פליכט איהם צו פרעגען די אורזאַך.

— רבי! — האָט זיך ר׳ אשר אָנגערופען מיט אַ שטים פון ליידען — איך האָב אייך שוין פון לאַנג געוואָלט ענטפּלעקען דעם שרעקליכען סוד. איך האָב אבער נישט געהאַט קיין געלעגענהייט דערצו. איצט, אָבער, וועל איך אייך אַלץ דערצעהלען, איהר מוזט עס וויסען. אַ גרויס אונגליק, רבי, האַלט זיך ביי אַראָפּלאָזען אויף אייער הויז. דער משומד קעמפּע, וועלכער געפינט זיך שוין אַ געוויסע צייט אין שטאָדט, האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו לויערן אויף דיין איין איינציגע טאָכטער און ער וואַרט נאָר אויף אַ געלעגענהייט זי צו פאַנגען אין זיין שענדליכע נעץ. ער דרעהט זיך אַרום גאַנצע טעג איבער די גאַסען פון געטאָ, און לויערט אויף איהר. נעכטען איז שרה געגאַנגען אויף אַ בעזוך צו איהר מומע, איז דער

שענדליכער פערגעטער איהר אַ קעגען געקומען, פערשטעלט איהר דעם וועג און אָנגעהויבען איינצוטענה׳ן

ער וועט זי קיינמאָל נישט פערגעסען, און אַז אין אַלע צרות, וואָס שיטען זיך אויף איהר פאָטער, איז זי דער חייב, ווייל זי פעראַכטעט איהם און וויל נישט ווערען זיין פרוי.

— איך בין געוואָרען פערצווייפעלט — האָט ר׳ אשר נאָכ־דערצעהלט די ווערטער, וואָס דער משומד האָט גערעדט צו שרה׳ן — דיין אָפּזאָג, דעמאָלס ווען איך בין נאָך געווען אַ יוד האָט מיך אַזוי ערשיטערט, אַז איך האָב בעשלאָסען צו פעררא־טען מיין פאָלק, אָפּצושמד׳ן זיך אין אַ קלויסטער און צו נע־מען נקמה אין אַלע יודען פאַר דעם שלעכטס וואָס דיין פאָ־טער, דער גייסטיגער פיהרער פון יודישען פאָלק, האָט מיר געטון. און דיין טאַטען — האָט דער משומד ווייטער געזאָגט — וועל איך מיך בעזונדערס נוקם זיין. איך וועל זיך פריהער נישט בערוהיגען ביז כ׳וועל אָן איהם נעמען אַ בלוטיגע נקמה דערפאַר, וואָס ער האָט מיך אַרויסגעטריבען פון זיין הויז. דו דאַרפסט אָבער וויסען, אַז נאָך האָב איך צייט אויסצובעסערען דאָס וואָס איך האָב קאליע געמאַכט.

איך וועל אי־בערבעטען דעמאָלס דיין פאָטער און זעהן, אַז קיין שלעכטס זאָל איהם נישט געשעהן. איך וועל מאַכען אַזוי, אַז דער פירשט זאָל איהם צוריק ליב בעקומען און איהם אָפּגעבען כבוד, ווי אַ מאָל. אויב דו בעשטעהסט דערויף, וועל איך מיט דיר אַנטלויפען קיין אויסלאַנד און דאָרט וועל איך מיך צוריקקעהרען צום יודענטום און תשובה טהון אויף מיינע גרויסע זינד.

אַ קאַלטער שווייס האָט בעדעקט דעם אַלטען רב און מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ האָט ער ווייטער אויסגעהערט ר׳ אשר׳ן.

שרה האָט איהם אויף די דאָזיגע ווערטער גאָר נישט געענטפערט — האָט ר׳ אשר ווייטער דערצעהלט — זי האָט געזוכט אַ וועג צו אַנטלויפען. דער משומד האָט דאָס בעמערקט

ער האָט איהר אָנגע-

הויבען צו דראָהען, אַז איצט געפינט זי זיך אין זיין מאַכט, און אויב זי וועט נישט וועלען זיין פרוי וועלען מיט גוטען, וועט ער זי אַוועקשלעפּען מיט געוואלד און דעם פאָטער וועט ער אָנטהון די שרעקליכסטע יסורים. זעהענדיג, אַז זי געפונט זיך אין אַ געפאַהר, האָט שרה געמאַכט א געוואַלד. מענשען האָבען אָבער מורא געהאַט צוצוגעהן צום משומד, איהר ווייסט דאָך, ווי מען שרעקט זיך פאַר איהם. צום גליק — האָט ר׳ אשר ווייטער געזאָגט — בין איך גראָד דאָרט פערבייגעגאַנגען און געהערט דאָס געשריי. איך האָב אין איין רגע תופס געווען, וואָס דאָ קומט פאָר, און נישט טראכטענדיג קיין איין מינוט, בין איך צוגעלאָפען צום משומד און איהם געגעבען אַ שטאַרקען זעץ אין האַרץ אַריין. ער איז אנידערגעפאַלען אויף דער ערד אַ פערחלשטער. לענגער האָב איך שוין נישט געוואָלט וואַרטען. איך האָב מורא געהאַט, אַז דער משומד וועט אויפשטעהן און רופען צו הילף אַ פּאָר גויים, און מער דאַרפען מיר דאָך נישט היינט. איך האָב דעריבער נישט געוואָלט פערלירען קיין איין מינוט און אויסגענוצט די געלעגענהייט, וואָס ער איז געלעגען אָהן בעוואוסטזיין אויף דער ערד, האָב איך אנגענומען שרה׳ן און שנעל מיט איהר א היים געלאָפען.

ר׳ אשר האָט געענדיגט.

רבינו מאיר׳ס פנים האָט זיך פערצויגען אין א טיפער זאָרג. ער האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט און אַ לענגערע צייט האָט ער זיך געדרעהט ארויף און אַראָפּ איבערן צימער פערטראַכט. ענדליך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיט אַ ליבּ-ליכען פאטערליכען בליק האָט ער בעטראַכט דעם יונגען בחור. דערנאָך איז ער אריינגעגאנגען אין צווייטען צימער און גע-זאָגט זיין משמש ר׳ משה, אז ער זאל אריינרופען שרה׳ן, ער האט מיט איהר עפּעס זעהר וויכטיגעס צו רעדען.

אין אַ פּאָר מינוט ארום האט זיך שרה בעוויזען אויף דער שוועל. איהר פנים איז איצט געווען בלאַסער

פון שטענדיג, האבען אויסגע־
דרוקט א טיפען צער, וואס האט דעם אלטען פאטער פערכאפט
ביים הארצען.

— קום אהער, מיין קינד! — האט זיך רבינו מאיר צו איהר צערטליך אנגערופען — און זעץ דיך אויך נעבען מיר, איך האב מיט דיר צו רעדען וועגען זער א וויכטיגע זאך. א שווייגענדע האט זיך שרה אוועקגעזעצט נעבען פאטער און מיט א טרויעריגען בליק האט זי איהם אנגעקוקט.

— מען האט מיר ערשט איצט דערצעהלט — האט זיך רבינו מאיר צו איהר פאטערליך אנגערופען — וועגען דער מעשה, וואס האט זיך נעכטען פערלאפען בעת דו ביסט געגאנגען צו דער מוהמע. איצט ווייס איך אלץ. מען האט מיר דערצעהלט וועגען דעם שענדליכען פערלאנג פון עקעלהאפטען פעררעטער, ווי ער האט דיר פערשטעלט דעם וועג און געדראהט. נעכטען ביזטו טאקע אויף אַ גליקליכען אופן גערעטעט געווארען. דאס גלוט ווערט מיר אבער געזעצט אין די אדערן שוין פון דעם געדאנק אליין, אז דעם משומד׳ס שענדליכע פלענער, קאָנען איהם אַ מאל נאך, חלילה, געלונגען. גאט זאל אונז אין אונזער הילף זיין און נישט לאזען דעם רשע אויספיהרען זיין שרעקליכע נקמה איבער אונז. דער שענדליכער פעררעטער זיצט נישט מיט קיין פערלעגטע הענד, ער זוכט אלץ מיטלען, ווי אזוי דיך אריינצוקריגען אין זיין נעץ. מיר דארפען דעריבער אננעמען מיטלען איהם צו שטערען און נישט לאזען אויספיהרען זיינע שרעקליכע פלענער.

אין שרה׳ס אויגען האט זיך בעוויזען א זילבער־טרער.

— טאטעשי, — האט זי זיך מיט א צארטער שטים אנגע־
רופען — גאט איז מיין עדות, אז מיר איז שווער איצט צו גע־
פונען ווערטער. אבער מיין הייליגע פליכט צו דיר, מיין פאטער, בעפעהלט מיר אלץ צו דערצעהלען. דו ווייסט דאך, ווי שווער מיר וועט זיין איינצוגעוואוינען זיך מיט׳ן געדאנק, אז איך וועל ווערען די פרוי פון׳ם אויסוואורף. איך וועל דאן אויסגעהן

ווי אַ ליכט. אָבער איך קוק נישט איצט דערויף, איך האב נאר איצט איין ציל אין מיין לעבען: דיך, טייערער פאָטער, צו רעטען, און דעריבער וועל איך, ווי ביטער און פיינליך עס זאָל נישט פאַר מיר זיין, מסכים זיין צו ווערען זיין פרוי. דעם דאָזיגען קרבן מוז איך ברענגען, ווייל דערמיט וועסטו געראַטעוועט ווערען און ער וועט דיך אויפהערען צו יאָגען.

צוויי שניי-ווייסע טרערען האבען זיך אַראָפּגעפּערלט אויף די באַקען פון'ם אַלטען רב און מיט אַ געדעמפּטער שטים, וואָס האָט איהם געשטיקט אין דער קעהל, האָט ער זיך צו איהר אָנגערופען:

— טאָכטער מיינע! פון טיפסטען האַרצען דאַנק איך דיר פאַר דעם וואָס דו ווייזט אַרויס צו דיין אַלטען טאַטען און פאַר דער גרייטקייט זיך צו אָפּפערן פאַר מיר. אָבער דאָס מאָל האָסטו מיך נישט ריכטיג פערשטאַנען. מיט דעם וואָס דו וועסט געגען דיין ווילען ווערען די פרוי פון'ם פעררעטער, וועסטו מיר סיי ווי גאָר נישט העלפען. דער קעניג פערלאַנגט דאָך פון מיר געלד, עפּעס אַנדערש פאָדערט ער דאָך נישט פון מיר און, וואָס-זשע וועט מיר דער אויסוואורף קאָנען העלפען, אויב איך וועל דעם קעניג'ס בעפעהל נישט קאָנען אויספיהרען. אָהן געלד, וועל איך די געפאַהר סיי ווי נישט קענען אויסמיידען, אפילו ווען דער משומד, וועט שוין צוזאָגען, אַז ער וועט מיר מער קיין שלעכטס נישט וועלען טהון. דעריבער דאַרפסטו דיך נישט בעשליסען צו ווערען זיין פרוי. מיין עצה, קינד מיינס, איז אַנ'אַנדערע. דו ווייסט דאָך, אז איך האָב מיך געווענדעט צו פערשידענע קהלות וועגען געלד, אין אַ קורצע צייט אַרום דאַרפען שוין אָנקומען די תשובות. און אויב דער ענטפער וועט, חלילה, נישט זיין קיין גינסטיגער — זעה איך נאָר איין רעטונג — אַנטלויפען קיין אויסלאַנד, דאָרט, וואו דעם קעניג'ס כעס וועט מיך נישט קאָנען גרייכען. דאָס איז דאָס איינציגע, וואָס מיר וועלען האָבען צו טהון און מיט גאָט'ס הילף וועט עס אונז געלונגען, מיר דאַרפען נאָר ווי געהעריג און מיט אַ סדר מאַכען אַלע פאָרבערייטונגען דערצו.

פריהער אָבער, איידער מיר וועלען אַנטלויפען — האָט רבינו מאיר ווייטער געזאָגט, קוקענדיג ליבליך אויף זיין טאָכטער — האָב איך בעשלאָסען דיך חתונה צו מאַכען, אָבער נישט פאַר יענעם שענדליכען אויסוואורף, וואָס דו וואָלסט דיר פערשאָלטען ביי איהם דאָס לעבען. איך האָב פאַר דיר אַ בעשערטען, וואָס איז ווערט צו זיין דיין מאַן און לעבענס-בעגלייטער, דאָס איז אַ מענש, וואָס אַלע אַכטען איהם און לעגען אויף איהם אַרויף גרויסע האָפנונגען. דו אַליין קאָנסט איהם אויך גאַנץ גוט. נעכטען האָט ער דיך ערשט אַרויסגעראַטעוועט פון אַ גרויסער געפאַהר. איצט פערשטעהסטו שוין אוודאי אַז איך מיין דאָ מיין יונגען געטרייען תלמיד ר׳ אשר. ער איז פאַר דיר דער אמת׳ער בעשערטער.

זי האט זיך געפיהלט גליקליך.

אין א פאָר טעג אַרום נאָך דעם דאָזיגען געשפרעך, האָט מען געקאנט מערקען אין רב׳ס הויז אַ שטיקעל שנוי. די שטובען זענען געוועזען יום-טוב׳דיג אויפגעפוצט.ביים גרויסען לאַנגען טיש בעדעקט מיט אַ זויבערן טישטוך זענען געזעסען די אָנגעזעהענסטע יודען פון שטאדט. אויבען-אָן איז געזעסען ר׳ אשר מיט רבינו מאיר׳ן, אין צווייטען צימער זענען געזעסען איינינגע פרויען מיט שרה׳ן, וועלכע איז געווען אָנגעטהון אין ווייסע זיידענע חתונה-קליידער. איהר פנים האָט געשיינט פאַר גליק.

דאָס איז געווען די חתונה פון ר׳ אשר׳ן מיט שרה׳ן. רבינו מאיר האָט בעשלאָסען צו מאַכען די חתונה אין דער שטיל, מיט וואָס ווייניגער טומעל און געפולדער. ער האָט מורא געהאַט, אַז דער משומד קעמפע זאָל זיך דערפון נישט דערוויסען. קיין כלי-זמרים, ווי עס פיהרט זיך אויף אַ חתונה ביי יודען זענען נישט געווען, אַלץ איז צוגעגאַנגען שטיל און בסוד, אַזוי, אַז קיינער, אַ חוץ די פאָר איינגעלאַדענע געסט, האָבען נישט געוואוסט, וואָס עס קומט איצט פאָר אין רב׳ס הויז. דער עולם

איז געזעסן און געשמועסט וועגן די יודישע צרות, וואָס הערען אלץ נישט אויף. די שמחה איז געווען דורכגעוויקט מיט אַ טיפען קרעכץ, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסען פון אַלע־מענס ברוסט.

פאַר דער חופה האָט ר׳ אשר געהאַלטען אַ גרויסען דרוש, אין וועלכען ער האָט אַרויסגעוויזען געוואַלדיגע חריפות. שפּעט אין דער נאַכט האָט מען אַריינגעבראַכט די חופה. מיט אַ שטים פון פרייד און טרערען, האָט רבינו מאיר מסדר קדושין געווען חתן כלה. אין שטוב האָט זיך געהערט אַ פערדעמפטער — „מזל־טוב" און אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט דער עולם פערבראַכט ביז פאַרטאָגס.

ווען די שבע ברכות האָבען זיך געענדיגט, האָט רבינו מאיר אַריינגערופען דאָס יונגע פּאָר־פּאָלק צו זיך אין צימער אַריין און זיי געזאָגט:

— קינדער, איהר ווייסט דאָך, ווי מיר יודען זעהען איצט אויס אין דייטשלאַנד. אונזער בלוט איז הפקר, דער מינדסטער מענש פון פעבעל זאָגט איבער אונז אַ דעה. און קיינער פון אונז איז נישט זיכער מיט׳ן מאָרגענדיגען טאָג. מיין עצה איז דעריבער, אַז איהר זאָלט אַוועקפאָהרען קיין אויסלאַנד. איך וועל אייך מיטגעבען אַ בריף צו מיינס אַ יוגענד־פריינד ר׳ שלמה בן אדרת אין באַרצעלאָנא. אין שפּאַניען זענען היינט די יודען אָנגעזעהן און זיי ווערען געאַכטעט. איהר וועט דאָרט קאָנען בויען אייער צוקונפט. ר׳ שלמה וועט אייך דאָרט בע־שטימט זיין בייהילפיג די ערשטע צייט ביז איהר וועט אייך איינאָרדנען.

דאָס יונגע פּאָר־פּאָלק האָט אָבער נישט געוואָלט הערען פון אוועקפאָהרען. זיי האָבען נישט געוואָלט פערלאָזען דער עלענדען אלטען פאָטער איינער אַליין אין אַזאַ שרעקליכער צייט. רבינו מאיר האָט מיט זיי אַ לענגערע צייט איינגע־טענה׳ט און זיי אויפגעוויזען, אַז מיט זייער בלייבען אין לאַנד, העלפען זיי איהם סיי ווי נישט, פערקערט, דאָס וועט איהם נאָך שטערען זיין אלטען פּלאַן, וואס ער האָט אונטערגענומען

צו אנטלויפען, אויב ס'וועט איהם נישט געלונגען צו שאפען דאָס געלד פאַר'ן קעניג.

זיי זענען אָבער געבליבען פעסט ביים בעשלוס נישט צו פערלאָזען דעם פאָטער. מיט טרערען אין די אויגען האָבען זיי איהם געבעטען, אז ער זאל זיי ערלויבען צובלייבען מיט איהם צוזאמען, כאָטש ביז דער צייט, ווען עס וועלען אנקומען תשובות פון די קהלות וועגען דעם געלד פאר'ן קעניג. אפשר, האָבען זיי געזאָגט, וועט יאָ אָנקומען געלד און דו וועסט בכלל נישט דאַרפען צו אנטלויפען און דאן וועלען מיר אַלע קאנען זיצען צוזאמען רוהיג און שלום אין רוטענבורג.

— גוט — האָט רבינו מאיר געענטפערט,—זאָל זיין אַזוי, ווי איהר ווילט. לאַנג צו ווארטען אויף תשובה האָבען מיר שוין סיי ווי סיי נישט,

---

## ו.

דער משומד קעמפע איז אין א שעהנעם פריהמארגען אוועקגעפאהרען פון רוטענבורג. די איינוואוינער פון געטא האבען פרייער אפגעאטעמט. אין שטאדט האט מען געשמועסט, אז ער איז אפגעפאהרען אין א זער וויכטיגע שליחות פון פירשט. די יודישע בעפעלקערונג האט אויפגעהויבען די הענד צום הימעל און אפגעגעבען א לויב דעם בעשעפער, וואס ער האט זיי בעפרייט פון דעם שענדליכען מסור.

אויך רבינו מאיר האט די דאזיגע ידיעה אויפגענומען מיט גרויס צופרידענהייט. ער האט זיך געפיהלט לייכטער, ווי-סענדיג, אז ער ווערט נישט איצט ארומגערינגעלט פון זיין ביטערסטען שונא, וואס האט איהם נאכשפיאנירט אויף טריט און שריט.

דעם אלטען רב איז אבער נישט בעשערט געווען צו האָבען איין גליקליכע מינוט אין לעבען. אין דער זעלבער צייט האבען אנגעהויבען אנקומען די תשובות פון די קהלות. און די

תשובות זענען געווען גאר נישט קיין דערפרעהענדע. די יודישע בעפעלקערונג איז אומעטום פעראָרימט געוואָרען. אין אַלע יו־דישע קהלות הערשט אַ ביטערע נויט. טויזענדער יודישע פאַ־מיליעס האָבען נישט מיט וואָס דעם טאָג איבערצולעבען. די אָרימקייט דריקט און וועגען אַרויסשיקען געלד קאָן איצט דע־ריבער קיין רייד נישט זיין. פון איינצעלנע קהלות איז אפילו יאָ אָנגעקומען געוויסע סומען געלד, אָבער דאָס אַלץ איז גע־ווען ווי אַ טראָפּען אין ים. צו דער סומע צוואַנציג טויזענד מאַרק האָט נאָך געפעהלט מער ווי די גרעסערע העלפט, און דאָ קומט שוין אָן דער טערמין, וואָס דער פירשט האָט איהם בע־שטימט. אַ בעטריבטער איז רבינו מאיר אַרומגעגאַנגען איבערן צימער און מיט אַ טרויעריגער שטים האָט ער געזאָגט צו זיין איידעם: — אין צוויי וואָכען אַרום ענדיגט זיך דער טערמין, און אויף קיין געלד האָב איך שוין נישט מער וואָס צו האָפען. כ'האָב דעריבער בעשלאָסען אויסצופיהרען מיין אַלטען פּלאַן, צו אַנטלויפען קיין אויסלאַנד. פּאַר מיינעטוועגען וואָלט איך שוין דאָ געבליבען און געליטען, איך וועל אָבער נישט קאָנען צוזעהן דעם צער פון דער קהלה. דער קעניג וועט דאָך זיין גאַנצען כעס אויסגיסען אויף די היגע יודען. אַנדערש וועט אָבער זיין, אַז איך וועל אַנטלויפען. איך וועל דעם פירשט נישט זיין אין די אויגען, וועט ער מיך פערגעסען און זיין כעס וועט זיך שטילען, דעריבער וועל איך אַנטלויפען, ווי לאַנג עס איז נאָך צייט. איך וועל פאָהרען אין לאַנד פון אונזערע אבות, קיין ארץ ישראל. מיין גאַנץ לעבען האָב איך געשטרעבט דאָרט אַהין צו פאָהרען, דאָס איז געווען מיין איינציגער טרוים. דאָרט וויל איך פערברענגען מיינע לעצטע יאָהרען און פעט מאַכען די הייליגע ערד מיט מיינע טרערען.

ר' אשר האָט רבינו מאיר'ן נישט אָפּגעוואָנדען. ער האָט געוואוסט, מיט וואָס פאַר אַ סכנת נפשות אַזאַ רייזע איז פער־בונדען, דאָך האָט ער איהם נישט אָפּגעהאַלטען פון דעם שריט. ער האָט געוואוסט, אַז רבינו מאיר טראַכט פריהער גוט דורך יעדע זאַך איידער ער נעמט אָן אַ בעשלוס. און קוים האָט ער

שוין דעם בעשלוס אָנגענומען וועט איהם שוין קיינער נישט קאָנען איבערענדערן. ר׳ אשר האָט דעריבער מסכים געווען צום פאָרשלאַג און ביידע האָבען בעשלאָסען אין אַ פּאָר טעג אַרום אויסצופיהרען דעם פּלאַן. נאָך אַ לאַנגען ישוב הדעת איז ביי זיי געבליבען, אַז דאָס אַרויספאָהרען פון שטאָדט זאָל פאָרקומען אין אַ שטרענגער געהיימניס. און כדי די זאַך זאָל נישט ווערען אויפפאַלענד, האָבען זיי אָפגעמאַכט צווישען זיך, אַז זיי זאָלען אַרויספאָהרען מיט בעזונדערע וועגען און צוזאַמענטרעפען זאָלען זיי זיך ערשט אין דער גרענעץ-שטאָדט ברעמענץ, דאָרט וועלען זיי זיך בעגעגנען און געזעגנען זיך אויף אייביג. רבינו מאיר וועט פאָהרען קיין ארץ ישראל און ר׳ אשר מיט שרה׳ן קיין שפּאַניען, צו רבינו מאיר׳ס יוגענד-פריינד, ר׳ שלמה בן אדרת.

זיי האָבען אָנגעהויבען צו מאַכען אלע פאָרברייטונגען צו דער רייזע. זיי האָבען עס געמאַכט אַזוי, אַז קיינער זאָל זיך דערפון נישט מערקען. בלויז רבינו מאיר׳ס טרייער משמש ר׳ משה, האָט געוואוסט פון׳ם געהיימניס. רבינו מאיר האָט בעשלאָסען איהם מיטצונעמען אויף דער רייזע. גראָד האָט זיך אויך געפונען אַ גוט געלעגענהייט אָפצוווענדען די אויפמערקזאַמקייט פון דער בעפעלקערונג. די רוטענבורגער יודען האָבען געוואוסט, אַז רבינו מאיר טראָגט זיך שוין פון לאַנג אַרום מיט אַ פּלאַן צו מאַכען אַ נסיעה איבער די קהלות פון זיין גליל. זעהענדיג איינמאָל אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען אַ געשפּ[...]נטע פוהר ביים רב׳ס הויז, בעלאָדענט מיט פעק, וואָס ר׳ משה [...]ט אַרויסגענומען פון שטוב, האָבען אַלע געמיינט, אַז דער רב געהט איצט אַרומפאָהרען איבער די שטעדטלעך, זעהן, ווי עס האַלט דאָרט מיט דעם יודישקייט.

אַזוי אַרום איז רבינו מאיר אָפּגעפאָהרען פון שטאָדט און קיינער האָט זיך נישט געריכט, אַז מען זעהט איצט דעם ערווירדיגען רב צום לעצטען מאָל.

## ז.

רבינו מאיר האָט זיך אויפגעזעצט אויף דער פוהר גע-זעגענט זיך מיט די אַרומיגע און ר' משה האָט גענומען די לייצעס אין האַנד אַריין און לאַנגזאַם, טריט ביי טריט זענען זיי אַרויסגעפאָהרען פון שטאָדט. דער אַלטער רב האָט זיך אין האַרצען געזעגענט מיט די אַלע בנינים, וואָס זענען איהם געווען ליב און טייער און אַ פייכטע טרער האָט זיך אַראָפּ-געקייקעלט איבער דער לאַנגער גרויליכער באָרד. דאָס איז געווען איינע פון יענע טרערען, וואָס מיר פערגיסען בעת מיר געזעגנען זיך אויף אייביג מיט אונזערע נאָהנטסטע און טייערע.

אין אַ האַלבער שעה אַרום זענען זיי שוין געווען הינ-טער די מויערן פון דער שטאָדט. דאָס פוהר'ל איז אַרויף אויף אַ ברייטען ליימיגען וועג, וואָס האָט זיך געצויגען ווייט, ווייט אין דער אונענדליכקייט אריין. לאַנגזאַם האָט זיך דאָס פוהר'ל געשלעפּט איבר דער ליימיגער בלאָטע און וואָס ווייטער איז דער וועג געוואָרען שווערער.

דער וועג איז געגאַנגען אַ מאָל באַרג אַרויף, אַ מאָל באַרג אַראָפּ און די בלאָטע איז געוואָרען אַלץ טיפער. עס איז אָנ-געפאלען די נאַכט, אַ טיפע פינסטערע נאַכט אויף אַ וויסטען וועג, וואו מען זעהט נישט קיין איין פייער'ל פון אַ מענשלי-כער וואוינונג. די רייזענדע האָבען זיך אָפּגעשטעלט איבער-נעכטיגען. רבינו מאיר האָט געדאַוועט מנחה מעריב, און אָפּעסענדיג נאַכט-עסען, וואָס ער האָט מיטגענומען מיט זיך פון שטאָדט, האָט ער געלייענט קריאת-שמע. מיט'ן גרויסען בטחון צום בעשעפער פון דער וועלט, איז ער רוהיג איינגע-שלאָפען אָנלענענדיג דעם קאָפּ אויפ'ן פעקעל בעטגעוואַנד און פערדעקענדיג זיך מיט זיין ווארימען מאַנטעל. ר' משה איז

אבער אַ לאַנגע צייט נישט געשלאָפען, ער האָט געוואַכט אי־בער׳ן רבי׳ן, ענדליך איז ער אויך אנטשלאפען געווארען.

בעגינען זענען זיי אויפגעשטאַנען און רבינו מאיר האָט אָפּגע־געבן א לויב צום בעשעפער, וואָס שיצט איהם פון אַלעם בייז און לאָזט איהם נישט טהון קיין שלעכטס.

דאָס פוהר׳ל האט ווייטער אָנגעהויבען צו טאפּטשען אין דער בלאטע. שעה׳ן האבען זיך געשלעפט, ווי שווערע שטיקער סמאָלע. יעדע פאר מינוט — סטאפּ! אַנ׳אנדער מכשול: דא האט זיך דאס פערדעל אויסגעגליטשט און ר׳ משה האט געמוזט אנ־שטרענגען זיין גאַנצען כּוח עס אויפצושטעלען, דא האט זיך אַ ראד איינגעשניטען טיף אינ׳ם לייים און דער וואגען האט זיך נישט גערירט פון ארט. אַנ׳אַנדערס מאָהל, איז ווידער דאס פוהר׳ל אומגעפאַלען גלייך אין דער בלאָטע אריין, פערדעקענ־דיג אונטער זיך דאס גאנצע ביסעל געפעק, דאס איז געווען איינס פון יענע רייזעס אין פינסטערן מיטעל־אלטער, ווען די נסיעה פון איין שטאדט אין דער צווייטער איז געווען פער־בינדן מיט סכנת־נפשות, און מיט פערשידענע איבעראַשונגען.

די בלאטע איז געווארען אלץ טיפער און טיפער און דאס פערדעל אלץ מידער און מידער. פלוצלינג — סטאָפּ! דאס פוהר׳ל האט זיך ווידער איינגעשניטען אין ליים, דאס פערדעל שלעפט און שלעפט, ס׳פוהר׳ל ריהרט זיך אָבער נישט פון ארט. עס האבען נישט געהאלפען די שמיץ און ר׳ משה׳ס אונטער־שטופען דעם וואגען. דאס פוהר׳ל האט מען שוין מער נישט געקאנט ארויספיהרען אויפ׳ן גלייכען וועג.

אונזערע רייזענדע זענען געבליבען פערצווייפעלט. ר׳ משה האָט געשריבען נאָך הילף, אבער עס האט איהם קיינער נישט געענטפערט. דאס איז געווען אַנ׳אָפּגעלעגענער וועג, וואו מען טרעפט זעלטען אדורכפאהרען א לעבעדיגען מענש.

זיי האבען נאר איצט געהאט איין עצה: איבערלאזען דעם וואגען אויף הפקר און מאכען פון איצט אן די נסיעה רייטענדיג אויפ׳ן פערד. נישט האבענדיג קיין אנדערע ברירה האבען זיי טאקע אזוי געטון. ר׳ משה האט אויסגעשפאנט דאס פערד און רבינו מאיר האט זיך דערויף ארויפגעזעצט. דעם

פערדעל איז איצט געווארען עטוואס לייכטער, און אנגעהויבען שנעלער צו לויפען איבער דעם בלאָטיגען וועג. צו שנעל האָבען זיי אָבער אויך נישט געקאָנט רייטען, אויפ׳ן פערד איז נישט געווען קיין אָרט פאַר ביידען, ר׳ משה האָט דעריבער גע-מוזט געהן דערנעבען און אָנטרייבען.

פאַרנאַכט צו זענען זיי אַריינגעריטען אין אַ טיפען וואַלד, פוןביידע זייטען וועג האָבען זיך געצויגען געדיכטע רייהעס הויכע סאָסנע בוימער, וואָס האָבען אָנגעוואָרפען אַן אימה אויף די רייזענדע. זיי האָבען צוגעבונדען דאָס פערדל צו אַ דיקען בוים און אויסשפּרייטענדיג אַ דיק ווארעם לייִלעך אויפ׳ן ווייכען וואַלד-גראָז זענען זיי רוהיג איינגעשלאָפען.

די נאַכט איז געווען אַ שטילע און אַ מילדע, עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס טשוויטשען פון די פויגעל. פון צייט צו צייט איז אויך פערבייגעלאָפען אַ קליין, דערשראָקען חיה׳לע און פערשוואונדען געוואָרען אין דער טיפער פינסטערניש.

די פרישע געזונדע וואַלד-לופט האָט זעהר גוט געווירקט אויף די רייזענדע און זיי זענען אויפגעשטאַנען אין דער פריה אָפּגעפרישטע און מיט נייע כּוחות.

אַזוי זענען א דורך איניגע טעג. דער וועג איז געווא-רען אַלץ שרעקליכער און אונהיימליכער. זיי האָבען אָבער געדאַנקט גאָט, פאַר דעם חסד, וואָס ער טוט מיט זיי און פיהרט זיי בשלום צום ציל.

— זעהסט, משה, — האָט זיך רבינו מאיר אָנגערופען צו זיין טרייען משמש. — מיר פאָהרען שוין פינף טעג. ניין טעג דויערט אינגאַנצען די רייזע, אויב עס וועט אונז געהן, ווי ביז איצט, וועלען מיר, אם ירצה השם, בשלום אָנקומען קיין ברעמענץ.

פּלוצלינג האָבען זיי דערהערט אַ ווייטען אָפּקלאַנג פון פערדישע קאָפּיטעס. די טריט זענען געוואָרען אַלץ נעהנטער און נעהנטער און ענדליך האָבען זיי פאַר זיך דערזעהן אַ בעוואָפענטען ריטער, וואָס איז צו זיי האַסטיג צוגעריטען אויף אַ פיין גע-זאָטעלטען פערד. דאָס איז געווען איינער פון יענע ריטער-

ליכע באַנדעס, וואָס האָבן פערפלייצט די וועגן פון דייטש־לאַנד, און זיך פערנומען מיט מאָרד און גזלה. דער ריטער האָט געטראָגן אַ מאַסקע אויפ׳ן פנים. דערזעהענדיג דעם ריטער, האָט ר׳ משה אָנגעהויבן צו ציטערן און אָפּגעזאָגט וידוי, איהם זענען געווען בעקאַנט די פערשידענע גרויזאַמע מעשים, וואָס די דאָזיגע לייט האָבן אָנגעהון די דורכפאָהרענדע רייזענדער. רבינו מאיר איז אָבער געבליבן רוהיג זיצען אויפן פערד איבערגעבענדיג זיין גורל אין די הענד פונ׳ם שומר ישראל.

— היי, פערפלוכטע יודען! — האָט זיך דער ריטער צו זיי אָנגערופען מיט אַ קול פון אַ ווילדען רוצח, — וואָס טהוט איהר דאָ אויפ׳ן וועג? איבריגענס, דאָס געהט מיך גאַנץ ווענניג אָן, גיט אַהער דאָס פערדל און באַסטא! אָבער שנעל, אַז נישט, ווערט איהר גלייך ערמאָרדעט אויפ׳ן אָרט.

דערהערענדיג דעם רויבער׳ס פערלאַנג, האָט רבינו מאיר לייכטער אָפּגעאָטעמט, דאַנקענדיג אינערלעך צו גאָט, וואס ער איז נאָר אָפּגעקומען בלויז מיט דעם. ער איז אַראָפּ פון פערד און עס איבערגעגעבן דעם רויבער. יענער האָט דאָס פערד צוגעבונדען צו זיינעם און אַ קלאַפּ טוענדיג מיט די שפּאָרען, איז ער ווי אַ פייל פון בויגען אַוועקגעריטען פערשוואונדען געוואָרען צווישען די בוימער פון וואַלד.

אונזערע אונגליקליכע רייזענדע האָבן שוין פון איצט אָן געמוזט דורכמאַכען דעם וועג צופיס.

מידע און פערמאַטערטע זענען זיי ענדליך אָנגעקומען בשלום צו די טויערען פון ברעמענץ. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים טויער און בעצאהלענדיג דעם ספּעציעלען קאָפּ־שטייער, וואָס איז געווען פערפליכטעט פאַר די יודישע רייזענדע, האָט מען זיי געעפענט דאָס טויער און זיי זענען צו צו דער יודישער געטאָ.

ענדליך זענען זיי ווידער צווישן יודען. דער אַלטער רב האָט זיך זעהר געפרעהט, וואָס ער וועט זיך ענדליך קאָנען אויסרוהען פון זיין ווייטער נסיעה. די יודען פון דער געטאָ, האָבן זיך באַלד דערוואוסט וואס פאַר אַ טייערען גאסט זיי

האבען געקריגען און זיי האָבען איהם אויפגענומען מיט אַ האַר־ציגער וואַרימקייט און גרויס דרך־ארץ.

אין ברעמענץ האָט דער רב זיך אָפּגעשטעלט אויף איי־ניגע טעג און מיט אַ ציטערדיג האַרץ האָט ער געוואַרט אויף זיין טאָכטער און איידעם, וועלכע האָבען דורך אַנדערע וועגען אויך בעדאַרפט אָנקומען אין דער זעלבער שטאָדט.

צומאָרגענס איז געווען אַ חגא־טאג. די שטאָדט איז פול געווען מיט המונים מענשען, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען פון די וויטעסטע ווינקעלעך מקבל פנים זיין דעם באַזעלער ביסקופ, וועלכער איז ספּעציעל געקומען קיין ברעמענץ אויף דער דאָזיגער חגא. דער פירשט פון דער שטאָדט האָט דעם ביסקופּ געמאַכט אַ פייערליכע אויפנאַהמע, די גאַסען זענען געווען אילומינירט מיט פערשידען־פאַרביגע פייערלעך, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי אַ גם פון בונטע שטערען צווישען די מיט גרינס דעקאָרירטע הייזער. דער פייערליכער המון איז אויך געווען אַ פערשידענפאַרביגער. דאָ האָט מען געקאָנט זעהן גאַנ־צע מחנות ריטערליכע באַנדעס מיט פערשידענע מינים געווער און אָהן געווער. איבער די גאַסען זענען א גאנצען טאָג גע־גאַנגען פאַקעל־צוגען מיט אָרקעסטערס, וועלכע האָבען אָהן אויפהער געשפּילט פערשידענע קריסטליך לידער.

די יודישע בעפעלקערונג האט זיך אָבער אין אזעלכע פייערליכע טעג נישט געקאנט ארויסווייזען אויף דער גאס. זיי האָבען געפּרובט אויסצומיידען יעדע בעגעגעניש מיט אָנגע־שיכּור'טע פינסטערע עלעמענטען, וועלכע זענען פעהיג געווען ביים מינדסטען גערודער אויסצושעכטען די שוצלאזע יודען פון דער געטאָ.

צווישען פייערליכען קריסטליכען המון האָט זיך נאר אַרומגעדרעהט איין יוד, וואָס זיין גאַנצער אויסזעהן און קליי־דונג האָט עדות געזאגט, אז ער איז נישט קיין היגער. דער דאזיגער יוד איז געווען ר' משה, דער משמש פון רבינו מאיר מרוטענבורג. ר' משה האט נישט געקאנט איינזיצען אין אכסניה. ער איז געווען אונגעדולדיג צו ווארטען אויפ'ן רבינ'ס קינדער

און נישט קוקענדיג אויף דער געפאַהר, איז ער ארויס צום טויער פון שטאדט און דארט זיי ערווארט. ער האט געוואלט האבען די זכיה אנצוזאָגען דעם אלטען רבי די בשורה, אז זיינע קינדער זענען שוין געקומען.

צוויי טעג איז ר׳ משה אזוי געגאנגען צום טויער פון דער שטאדט און קיינער האט איהם קיין שלעכטווארט נישט גערעדט. אויפ׳ן דריטען טאג, ווען ער איז ווידער ארויס צום טויער, מיט דער האפנונג, אז היינט וועט שוין ר׳ אשר און שרה בעשטימט אָנקומען, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אין דער נאהנט פון א טורם און פון דארט האט ער אנגעשטרענגט זיינע אויגען אין דער ווייטקייט.

פלוצלינג איז איהם א גרויל א דורך דורכ׳ן לייב. א קאַלטער שווייס און אנגסט האט איהם בעגאסען און זיינע פיס האבען זיך איהם אנגעהויבען צו וואקלען פאר שרעק. ער האט פאר זיך דערזעהן דעם משומד קעמפע, אויף וועלכען מען האט גערעכענט, אז ער האט שוין לאנג א מיאוס׳ען סוף איינגענומען. ווען זייערע בליקען האבען זיך בעגעגענט, האט זיך קעמפע אויך א ביסעל דערשראקען, אויף דעם האט ער זיך דאך נישט געריכט, איהם איז אבער באלד קלאר געווען די גאנצע געשיכטע: ער האט פערשטאנען, אז רבינו מאיר איז מסתמא אנטלאָפען פון רוטענבורג און איצט געפונט ער זיך דאָ. זיין פעררעטעריש בלוט האט אין איהם אָנגעהויבען צו זידען און זיין טייוולאנישער געדאנק האט איהם אונטערגעזאָגט, אז איצט איז געקומען די ריכטיגע צייט צו נעמען נקמה אין דעם, וואס האט איהם אפגעשטויסען און איהם נישט געוואלט געבען זיין טאכטער.

— יא, די נקמה וועט זיין א שרעקליכע — האָט זיך דער עקעלהאפטער פעררעטער געטראכט — אבער, וואס טוט מען מיט דעם דאזיגען היגטישען משמש, ער קאן דאך מיר שטערען דעם גאנצען פלאַן... און נישט לאנג טראכטענדיג, האט דער משומד צוגערופען א וועכטער און געלאזט ארעסטירען ר׳ משה׳ן.

— נו, מיט איהם בין איך שוין פערטיג, איצט דארף מען זיך נעמען צום אַלטען אליין,—האט דער משומד א צופרידענער אַ מאך געטהון מיט דער האנד,—ער וועט זיך שוין פון מיר נישט ארויסדרעהען.

דער עקעלהאַפטער פעררעטער איז געלאָפען צום ביסקופ און איהם דערצעהלט, אַז אין שטאָדט געפונט זיך דער רוטענבורגער רב, וועלכער איז אַנטלאָפען פון זיין שטאָדט, כּדי ער זאָל נישט דאַרפען איינצאָהלען אין דער מלוכה־קאַסע די געלדער, וואָס דער קעניג האָט איהם בעפוילען.

דער בישאָף, וועלכער איז בעקאַנט געווען אַלס אַ שטאַרקער יודען־פיינד, האָט קעמפען זעהר גוט אויפגענומען און זיך געפרייט מיט דער געלעגענהייט, וואָס ער וועט קאָנען שיסען צוויי האָזען אויף איינמאָל: ער וועט לאָזען איינזעצען אין תּפיסה אַ גרויסען יודישען רב, וואָס איז געאַכטעט ביי די יודען פון דער גאַנצער וועלט און צווייטענס, האָט ער געהאָפט, אַז דערמיט, וואָס ער וועט אָנווייזען אויפ'ן אַנטלאָפענעם רב, וועט ער זיך איינקויפען אין פריינדשאַפט ביים קעניג.

דער בישאָף האָט דעריבער גאָרנישט געוואַרט און איז תּיכף אוועק צום פירשט פון דער שטאָדט און פון איהם געפאָדערט, אַז ער זאָל אַרעסטירען רבינו מאיר'ן, כּדי דערמיט ארויסצווייזען זיין בעזונדערע איבערגעגעבענהייט צום קעניג.

עס איז אָנגעקומען אַ פינסטערע און אַ רעגענדיגע נאכט. אייניגע פון די נעכט, וואָס זעלטען, זעלטען זעהט מען אַ מענש אויף דער גאַס. די פייערלעך פון די הייזער זענען שוין פון לאַנג געווען אויסגעלאָשען און די מענשען זענען געווען פערזונקען אין אַ רוהיגען פעסטען שלאָף.

פּלוצלינג האָבען זיך ביים טויער פון געטאָ בעוויזען אַ מאַן הונדערט פירשטליכע דינער מיט אַנ'אויפזעהער אין דער שפּיץ און אויפמאַכענדיג דאָס טויער זענען זיי מיט אַ רעש און שטורם אַריין אין דער געטאָ. דערשראָקענע פּנים'ער פון פערשלאָפענע יודען, האָבען זיך בעוויזען אין די פענסטער, די פערשלאָפענע אויגען האָבען זיך ברייט פונאַנדערגעעפענט מיט שרעק. עס

האָט אויסגעזעהן, ווי אַ נאַכטיגער איבערפֿאַל איבער די געטאָ.

די פירשטליכע דינער האָבען אַרומגערינגעלט אַלע הייזער און אדורכגעפיהרט אַ שטרענגע רעוויזיע. וואָס זיי האָבען געזוכט האָבען זיי קיינעם נישט געזאָגט. גאַנצע דריי שעה האָט געדויערט די רעוויזיע אין דער געטאָ, ענדליך האָבען זיי געפונען רבינו מאיר'ן אין איינע פון די אכסניות, זיי האָבען איהם אויפגעוועקט פון זיסען און רוהיגען שלאָף און אַרויס־שלעפענדיג איהם אויף דער גאַס, האָבען זיי איהם געשמידט אין קייטען און אַהינגעפיהרט צום פירשט.

דער פירשט האָט דעם אונגליקליכען רב באַלד גענומען צום פערהער און איהם געפרעגט פאַר וואָס ער איז אַנטלאָפען פון רוטענבורג.

דער רב האָט איהם אַלץ דערצעהלט, נישט פערהוילענדיג פון איהם קיין זאַך. ער האָט איהם ערקלערט, אַז ביי זיין גאַנצער אָנשטרענגונג און ווילען, איז איהם דאָך אונמעגליך געווען צו שאַפען די געפאָדערטע סומע, וועלכע איז באמת געווען איבער די כוחות צוזאַמענצושאַפען. און וועלענדיג אויסמייdען דעם צאָרן פון קעניג, האָט ער פאַר זיך געזעהן נאָר איין רעטונג: אַנטלויפען, וואו די אויגען וועלען טראָגען.

דער פירשט פון ברעמענץ איז געווען איינער פון די געבילדעטסטע איידעל־לייט אין יענער צייט. זיין הויז איז שטענדיג געווען אָפען פאַר אַלע, וואָס האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט דער וויסענשאַפט, מוזיק און פּאָעזיע. אַחוץ דעם האָט ער פערמאָגט אַ זעלטען פיין־פיהלענדען פערשטאַנד און איידעל האַרץ. ער האָט רחמנות בעקומען אויף דעם אַלטען גע'רודפ'טען און געפייניגטען רב, וואָס ווערט בחנם פערפאָלגט און געפּלאָגט. ער האָט פערשטאַנען, אַז די סומע, וואָס דער קעניג האָט פון איהם געפאָדערט, איז באמת צו גרויס און דעריבער האָט זי דער רב נישט געקאָנט רעאַליזירען.

העלפען איהם, האָט ער אָבער, נישט געקאָנט. בעפרייען איהם פון תפיסה האָט ער מורא געהאַט פאַר'ן קעניג, דער קעניג וועט בייזווערען, פאַרוואָס ער האָט נישט פערהאַלטען אַזאַ

פערברעכער אין אַרעסט. און נישט קאָנענדיג איהם אינגאַנצען בעפרייען, האָט ער איהם געזוכט צו פערלייכטערן די תּפיסה מיט אַלערליי מיטלען, און קודם כּל האָט ער בעפוילען אראָפּ צו נעמען פון איהם די קייטען.

---

ז.

צומאָרגענס, נאָכדעם, ווי דער אַלטער רב איז אָפּגע-געפיהרט געוואָרען אין תּפיסה, איז דער משמש ר' משה געוואָרען בעפרייט. די מאַכט האָט איינגעזעהן, אַז עס איז נישטאָ קיין שום גרונד איהם צו פערהאַלטען.

אַ פרעהליכער איז דער אַלטער משמש אַרויס אויף דער גאַס און אָפּגעגעבען אַ לויב צום בעשעפער, וואָס ער האָט איהם בעפרייט פון גוֹיים'ס הענד. ווענען דעם אונגליק וואָס האָט אונטער דער צייט געטראָפען דעם אַלטען רב האָט ער נאָך קיין אַהנונג נישט געהאַט. ער איז שנעל געלאָפען צו דער אכסניה דערצעהלען דעם רב, וואָס מיט איהם האָט זיך פערלאָפען, און, אַז ער האָט דאָ געטראָפען דעם פערביסענעם יודען-פיינד, דעם שטרייטען פעררעטער קעמפע. ווי גרויס איז אָבער געווען זיין איבערראַשונג, אַהיימקומענדיג, בעת ער האָט זיך דערוואוסט פונ'ם גרויסען אונגליק, אַז מען האָט נעכטען דעם רב, אַ געשמידטען אין קייטען, ווי אַ געוועהנליכען פערברעכער, אָפּגעפיהרט אין תּפיסה. דער טרייער משמש האָט זיך צוויינט ווי אַ קליין קינד. ער האָט זיך אויסגעריסען די האָר פון קאָפּ און זיך געקלאַפּט מיט דער פויסט אין האַרץ.

— איך, איך בין אין אַלעם שולדיג — האָט דער אַלטער ביטערליך געיאמערט — ווען איך וואָלט זיך נישט געווען ארומ-געשלעפּט איבער די גאַסען, וואָלט דער משומד נישט געוואוסט, אַז מיר געפונען זיך דאָ און דאַן וואָלט נישט געקומען דאָס אונגליק.

ער איז ארומגעגאנגען אָ פערצווייפעלטער און געבראכען

זיך נערוועז די הענד. פלוצלינג האט ער זיך אפגעשטעלט, אין זיין מוח האט א בליץ געטהון א שרעקליכער געדאנק. אויפ׳ן טיש האט ער בעמערקט אַ לאַנגען גלאַנצענדיגען שטאלענעם קינ־זשאל. ער האט איהם פעסט אַ כאפ געטון מיט דער האנד און אויסגלייכענדיג שטאָלץ זיין קערפער, האט ער דאָס מעסער בעהאַלטען היגטער דער פאלע פון זיין מאַנטעל. אין זיינע אויגען האט זיך בעויזען א גלאַנציג, אונהיימליך פייער׳ל.

— דער שענדליכער מסור און פעררעטער מוז מיר דער־פאַר מיט זיין לעבען בעצאָהלען — האט ער פעסט געזאגט — איך וועל זיך פריהער נישט בערוהיגען ביז דאס שטאלענע מעסער וועט איהם נישט האבען דורכגעלעכערט זיין פעררעטע־רישע ברוסט. ווייל ערשט נאך זיין שענדליכען טויט וועט מען קאנען פרייער אָבּעטעמען און עס וועט מעגליך זיין די בע־פרייאונג פונ׳ם רב, וועלכער וועט דאן נישט האָבען געגען זיך אזא פערביסענער פיינד פאר אנ׳עדות געגען זיך. אננעמענ־דיג דעם דאזיגען מוראָ׳דיגען בעשלוס האט דער אלטער זיך אַ ביסעל בערוהיגט און אפגעוואַרט א געלעגענהייט, וואס פריהער אויסצופיהרען דעם שרעקליכען פלאַן.

דעם זעלבען אוועגד איז דעם רב׳ס איידעם ר׳ אשר אונזיין פרוי שרה אנגעקומען קיין ברעמענץ. זייער נסיעה קיין ברעמענץ איז אויך נישט געווען אויסגעשפרייט מיט רויזען. דער וועג איז געווען א שרעקליכער, און נאך מיט פערשידענע אונאנגענעמליכקייטען און געפאהרען. נאך א לאנגער און שרעקליכער רייזע זענען זיי דאך אנגעקומען צום בעשטימטען ארט און מיט פרייד זענען זיי אריין אין די מויערען פון דער יודישער געטא אין ברעמענץ. ענדליך — האָבען זי די מידע וואנדערער געטראַכט — איז מען געקומען צום ציל. זיי האבען זיך פארגעשטעלט די גרויסע שמחה פון אלטען פאָטער, ווען ער וועט זיי ענדליך דערזעהן און פאטערליך צודריקען צום האַרץ. די אונגליקליכע האבען נאך נישט געוואוסט, וואס פאר א ביטערע ענטוישונג עס ווערט זיי ערוואַרט.

אנגעקומען אין דער געטא זענען זיי אין די שפעטע אווענד־שעה׳ן. טיר און טויער איז שוין געווען פערמאכט. מיט

א קלאַפּענדיג הארץ פאַר פרייד, האָבען זיי אנגעקלאַפּט אין ערשטען בעסטען יודישען הויז. אַ טיר האָט זיך שטיל אויפ־געמאַכט און אַן׳אַלט צושראָקענע פרוי האָט זיך בעוויזען אויף דער שוועל. זעהענדיג פאַר זיך יודען, האָט זיך די אַלטע עטוואָס בערוהיגט און געפרעגט, וואָס זיי פערלאַנגען אין אַזאַ שפּעטער שעה.

— מיר זענען פרעמדע, מיר קומען פון גאַנץ ווייט. מיר זוכען דאָ דעם אַלטען רוטענבורגער רב רבינו מאיר, וועלכער...

— רבינו מאיר — האָט די אַלטע מיט כעס זיי איבער־געהאַקט די רייד — אָט דער, וואָס האָט אויף אונז שיער נישט געבּרענגט אַזאַ גרויס אונגליק. ניין, געהט אייך שנעל אַוועק פון דאַנען — האָט די אַלטע פערענדיגט מיט אַ קוויטש, צו־קלאַפּענדיג הינטער זיך די טיר.

ר׳ אשר און זיין פרוי זענען געבליבען שטעהן איבער־ראַשט. וואָס זאָל דאָס בעדייטען — האָבען זיי זיך געטראַכט — וואָס פאַר אַן׳אונגליק האָט דאָס געקאָנט דער טאַטע ברענגען אויף דער היגער יודישער קהלה? זייער האַרץ האָט זיי אָבער געזאָגט, אַז דאָ האָט געמוזט עפּעס שרעקליכעס געשעהן. זיי זענען געבליבען שטעהן אין מיטען גאַס אין אַ פרעמדער שטאָט, אָהן פריינד און אָהן בעקאַנטע. זיי האָבען בעשלאָסען אָנצוקלאַפּען אין אַ צווייטער יודישער שטוב, אפשר וועלען זיי זיך דאָרט עפּעס גענויערעס דערוויסען. גאָר וואו זיי זענען געקומען און זיך געפרעגט וועגען רבינו מאיר׳ן, האָט מען פאַר זיי פערקלאַפּט די טיר בעגלייט מיט שרעקליכע קללות און זלזולים. זיי זענען געוואָרען פערצווייפעלט, די פאַנטאַזיע האָט זיי אָנגעהויבען צו מאָהלען די שרעקליכסטע בילדער.

ענדליך האָט זיך אויף זיי דערבאַרעמט אַן׳אַלטער יוד, וואָס איז גראָד אַהיימגעגאַנגען פון בית־המדרש און ער האָט זיי דערצעהלט, וועגען אַלעם, וואָס איז געשעהן מיט׳ן רב. ער האָט זיי געגעבען צו פערשטעהן די שרעקליכע לאַגע פון דער יודישער בעפעלקערונג אין ברעמענץ, וועלכע ציטערט איצט

פאַר'ן מינדסטען שאָרך פאַר מורא, אַז דער פירשט פון דער שטאָדט וועט זיך וועלען נוקם זיין אין אַלע יודען, דערפאַר, וואָס זיי האָבען בעהאַלטען ביי זיך אַזאַ וויכטיגען פּאָליטישען פערברעכער. דאָס איז אויך די סיבה — האָט זיי דער אַלטער ערקלערט — וואָס מען לאָזט אייך נישט אַריבער איבער דער שוועל. מען האָט פּשוט מורא, אַז איהר זייט אויך אַנטלאָפענע און עס קאָן זיך מיט אייך איבער'חזר'ן דאָס זעלבע, וואס מיט רבינו מאיר'ן. פאַר אומגוט דאַרפט איהר דאָס נישט פערנעמען — האָט זיי דער אַלטער ווייטער געזאָגט — איהר ווייסט דאָך, — מער פעהלט אונז נישט, נאָר נאָך אַזאַ געשיכטע...

ר' אשר האָט אויסגעפרעגט דעם אַלטען, ווי אַזוי און ביי וואָס פאַר א בעדינגונגען דער אַרעסט איז פאָרגעקומען. דער אַלטער האָט זיי אָנגעהויבען צו דערצעהלען אַלץ בפרטות, שילדערענדיג, ווי אַזוי די פירשטליכע סאָלדאַטען זענען פלוצ-לינג ביינאַכט בעפאַלען די געטאָ ארויסגעשלעפט אַלע יודען פון די הייזער, זוכענדיג און נישטערענדיג אויף די בוידעם און אין די קעלערס דעם צוגערייזטען רב פון רוטענבורג.

האַלטענדיג אַזוי אין מיטען רעדען, האָבען זיי פלוצלינג דערהערט פון יענער זייט געטאָ אַ שרעקליך געוואַלד, אַ גע-פייפעריי און אַ טומעל. די קולות זענען גע‧וואָרען, וואָס אַ מאָל העכער און נעהנטער, די יודען פון דער געטאָ האָבען זיך אין איין שרעק אויפגעכאַפּט פון שלאָף און זענען זיי אַרויס אויף דער גאַס, וועלענדיג זיך דערוויסען, וואָס עס בעדייטען די קולות און דער טומעל.

— אַ נייער איבערפאַל איבער דער געטאָ — האָט זיך איינער אָנגערופען — דער המון געהט איצט אונז אַלעמען אויס-קוילען, זיי געהען זיך נוקם זיין, דערפאַר, וואָס מיר האָבען ביי זיך פערהאַלטען דעם רוטענבורגער רב. צווישען די ווייבער און קינדער האָט זיך אויפגעהויבען אַ פורכטערליך גע-וויין און האַרץ-רייסענדע שלוכצערייען האָבען זיך געטראָגען אין דער פינסטער צום הימעל. די קו‧‧ת זענען אַלץ געוואָרען

נעהנטער און עס האָבען זיך שוין געהערט די טריט פונ׳ם פעבעל ביים טויער פון דער געטאָ:

— מאַכט אויף — האָט זיך פון יענער זייט געטאָ גע־הערט אַ שטים, — מאַכט שנעל אויף דאָס טויער — אין שטאָדט איז פאָרגעקומען אַ מאָרד, צוויי יודען האָבען זיך איינער דעם אַנדערן ערמאָרדעט. מאַכט אויף דאס טויער און נעמט אייך צו די טויטע.

דערהערענדיג די דאָזיגע מעשה, האָבען די געטאָ־איינ־וואוינער עטוואָס פרייער אָפגעאָטעמט. דער מויער־וועכטער און נאָך צוויי יודען, וואָס זענען צוגעקומען צו דער מויער האָבען לאַנגזאַם געעפענט דאָס אייזערנע טויער, וואָס פיהרט אין דער געטאָ. און ווירקליך — אויף יענער זייט איז גע־שטאַנען אַ גרויסער קריסטליכער המון און איינציגע פון זיי האָבען געהאַלטען אויף די הענד צוויי טויטע קערפּער, פון וועלכע דאָס פריש־צאַפּעלדיגע רויטע בלוט איז נאָך אַראָפּ־גערונען אויף דער ערד.

— אָט דאָס זענען אייערע — האָבען די אָנפיהרער פון המון געזאָגט — זיי האָבן זיך געשטאָכען מיט מעסערס, נעמט זיי אייך צו און ברענגט זיי צו קבורה.

די יודען האָבען צוגענומען די טויטע און אריינרוקענ־דיג די אָנפיהרערס פון פעבעל עפּעס אין דער יד אַריין, אַז זיי זאָלען בערוהיגען דעם המון און זיי פונאנדערשיקען אַהיים — האָבען די יודען צוריק אַראָפּגעלאָזט די שווערע אייזערנע רי־געל איבערן געטאָ־טויער. די טויטע האָט מען אַריינגענומען אין אַ שטוב, וואו ס׳האָבען זיך פערזאַמעלט אַ סך מענשען און קיינער האָט זיי נישט דערקענט. ר׳ אשר מיט זיין פרוי זענען אויך אַריין אין דער דאָזיגער שטוב. ווי איבערראַשט זענען זיי אָבער געוואָרען דערקענענדיג אין די טויטע זייער אלטען טרייען משמש ר׳ משה און דעם משומד קעמפּע.ביידע זענען זיי איצט געלעגען מיט צוגעמאַכטע אויגען און יעדער פון זיי האָט נאָך קראַמפּהאַפט געהאלטען אין דער פערשטאַרטער טויטער האנד אַ פערבלוטיגטען קינזשאַל.

ר׳ משה האט זיין נקמה אויסגעפיהרט. באַלד ווי ער האט געפאסט זיין בלוטיגען בעשלוס איז ער ארויס אויף דער גאס און דערזעהענדיג דעם משומד קעמפע, האט זיך נאך יע־נער מיט איהם אָנגעהויבען צו רייצען, אַז ער וועט ר׳ אשר׳ן אויך אריינפאַקען אין תפיסה און שרה וועט מוזען זיין זיינע, צי זי וועט יאָ וועלען אָדער נישט. דאָס האָט נאָך מער אויפגערעגט דעם אַלטען משמש און ער האט דעם משומד אַראפגעלאזט אַ פייערדיגען פאטש. דער משומד האט איהם נישט געשוויגען און קלעפ זענען געפלויגען ווי א האגעל. א מאָל איז דער געלעגען אויף דער ערד און אַ מאָל דער צווייטער, ארום זיי האָט זיך דערווייל פערזאַמעלט א גרויסער המון פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג, וועלכער האט שטארק הנאה געהאט פון אַזאַ ספעקטאַקל. אנשטאט זיי פונאַנדערצורייסען, האָבען זיי נאָך אונטערגעגעבען מוט, אז זיי זאלען נישט שענקען איינער דעם צווייטען. ר׳ משה מיט׳ן משומד האבען זיך ביידע גע־וואלגערט אויף דער ערד צוקיילטע און צובלוטיגטע. ענדליך האט ר׳ משה ארויסגעכאפט זיין קינזשאל, וואס ער האט געהאט בעהאלטען אונטער דער פאָלע און מיט א מעכטיגען שטויס האט ער איהם אריינגעזעצט אין דער ברוסט פון זיין געגנער. א שטראם ווארעם בלוט האט זיך א גאָס געטון פון משומד׳ס ברוסט, און וואקלענדיג זיך שוין אויף די פיס, האט ער מיט די לעצטע כוחות א זעץ געטהון מיט זיין אייזערנעם שטעקען איבער ר׳ משה׳ס קאפ. דער אלטער האט זיך א וואקעל געטהון און גלייכצייטיג זענען זיי ביידע אַנידערגעפאלען טויטע אויף דער ערד.

ר׳ משה האט זיין בלוטיגע נקמה אויסגעפיהרט, ער האט אבער דערביי בעצאהלט מיט זיין אייגענעם לעבען.

---

# ח.

רבינו מאיר׳ס בלוטיגער פיינד איז געווען טויט. די יודען פון די קהלות, וואס האבען געקאנט דעם שענדליכען פעררעטער, פיהלענדיג אפט אויף זייערע פלייצעס די שרעקליכע בייטש פון זיינע מסירות און בלבולים, האבען איצט פרייער אפגעאטעמט. דעם אַלטען אונגליקליכען רב, וועלכער איז געזיצען אין א פייכטען פינסטערען קעלער פון דער ברעמענצער תפיסה, איז אָבער דערפון נישט געווארען לייכטער. אין זיין לאגע איז לעת עתה נישט אריינגעקומען קיין שום ענדערונג צום בעסערען. עס זענען פערביי טעג און וואָכען, וואָס האָבען זיך געצויגען אין דער שרעקליכער איינטאָניגקייט פון תפיסה־לעבען אָפגעריסען פון דער אַרומיגער ליכטיגער וועלט און פון די הייליגע ספרים, איז דער אַלטער רב געזעסען אין דער פינסטערער איינזאַמקייט, האָפענדיג צום גרויסען בעשעפער, וואָס האָט איהם שוין אַזוי פיעל מאָל אויסגעלייזט פון די שרעקליכסטע צרות, אַז ער וועט איהם דאָס מאָל אויך סוף כל סוף צושיקען אַ הילף. דערווייל איז אָבער געפלויגען די צייט אָהן ענדערונגען.

ר׳ אשר און זיין פרוי זענען געבליבען אַ לענגערע צייט אין ברעמענץ, בעמיהענדיג זיך מיט אַלע כוחות צו פערלייכטערען דעם ביטערען גורל פון אַלטען פאָטער. זיי האָבען זיך בעקענט מיט׳ן ברעמענצער פירשט, וועלכער איז געווען אַ גאַנץ ליבליכער מענש און האָבען איהם ערקלערט די סבות פונ׳ם רב׳ס אַנטלויפען. דער פירשט, אונטער וועמענס מיט גאָלד־בעפוצטען סאַמעטענעם מאַנטעל, האָט געקלאַפּט אַ ווארעם מענשליך האַרץ, האָט גוט פערשטאַנען די לאַגע פון אַלטען רב, אין דעם מאָמענט, ווען דער קעניג האָט פון איהם געפאָדערט אַזאַ אונגעהויערע סומע געלד, וואָס איז בשום אופן נישט אימשטאַנד געווען צוזאַמענצונעמען. בעפרייען דעם רב פון דער

תפיסה האָט ער אָבער נישט געקענט, דאָס איז נישט געווען אין זיין מאַכט. דער רב איז געשטאַנען אין רשות פון קעניג אַליין און נאָר ער אַליין וואָלט אים געקאָנט באַפרייען. נישט קענענדיג אים אינגאַנצען באַפרייען האָט זיך דער גו־טער פירשט באַמיהט מיט אַלע כוחות אים צו פאַרלייכטערן דאָס תפיסה־לעבען. ער האָט געגעבען אַ באַפעהל צו די אויפזעהער פון דער תפיסה, אַז צו יעדער צייט זאָלען זיי צולאָזען ר׳ אשר׳ן מיט זיין פרוי צו דער צעלע פונ׳ם אַלטען רב און זיי ערלויבען זיך אונטערצוהאַלטען אין די שמועסען וויפיל נאָר זיי ווילען. פאַר אַ מענש, וואָס זיצט אין אַ פינסטערער איינזאַמער תפיסה־צעלע, וועלכער זעהט נישט קיינמאָל פאַר זיך די ליכטיגע שיין פאַר די אויגען און פאַרנעמט נישט די שטים פון אַ לע־בעדיגען מענש — איז אַזאַ פאַראָרדנונג איינס פון די גרעסטע פאַרלייכטערונגען.

טאָג ביי טאָג איז ר׳ אשר מיט שרה׳ן געקומען אין דער תפיסה, דער אויפזעהער האָט זיי אויפגענומען מיט עהרע און צוגעפיהרט צו דער קאַמער פון רבינו מאיר׳ן. עפנענדיג מיט אַ גרויסען אייזערנעם פאַרזשאַווערטען שליסעל די טיר פון דער קאמער, האָט זיך דער אויפזעהער אָפּגערוקט אין אַ זייט און ר׳ אשר מיט זיין פרוי זענען אַריין צום רב און גע־שמועסט אַנ׳ערך פון אַ האַלבער שעה. דערנאָך זענען זיי אוועק, דאַנקענדיג דעם אויפזעהער פאַר זיין העפליכקייט. אַזוי איז געווען יעדען טאָג.

אונטער דער צייט האָט זיך ר׳ אשר נעהנטער באַקענט מיט׳ן פירשט און ער האָט שטענדיג באַקומען אַ צוטריט צום פירשטליכען פּאַלאַץ. דער פירשט האָט דעם יונגענמאַן אַרויס־געוויזען גרויס ליבשאַפט, שעצענדיג אים פאַר זיין טיפער פאַרשטענדניס אין אַלע פראַגען, וואָס ער האָט אים געשטעלט.

אזוי האָט געדויערט אַ פּאָר חדשים. די ברעמענצער יו־דען, וועלכע האָבען, ווי אונזערע לעזער געדענקען, זער שלעכט אויפגענומען ר׳ אשר׳ן, האָבען איצט ביי יעדער גע־

לעגע־הייט געזוכט מפייס צו זיין, אָבגעבענדיג איהם גרויס כבוד און עהרע.

איינמאָל, ווען ר׳ אשר איז געקומען אין פירשטליכען פאַלאַץ, האָט איהם דער פירשט ארייגערופען צו זיך אין ביבליאָטעק־צימער און זייענדיג מיט איהם אויג אויף אויג, האָט ער איהם צו וויסען געטהון, אַז עס איז אָנגעקומען אַ בריף פון קעניג, אין וועלכען עס ווערט בעפוילען איבער־צופיהרען דעם אַרעסטירטען רב אין דער תפיסה פון עגזעס־היים אין דער עלזאַסער פראָווינץ.

— איך האָב פאַר אייך געטהון אַלץ, וואָס איז נאָר גע־ווען אין מיין מאַכט — האָט דער פירשט פריינדליך געזאָגט ר׳ אשר׳ן — אַלץ וואָס איך האָב נאָר געקאָנט האָב איך געטהון פאַר אייך. אָבער איצט געהט דער רב ארויס אינגאַנצען פון מיין רשות, איהר מוזט דעריבער אהינפאהרען קיין עגזעסהיים און גאָט זאָל אייך העלפען, אַז איהר זאָלט געפונען חן אין די אויגען פון דער דאָרטיגער מאַכט, אַז זיי זאָל דעם אַלטען רב פערלייכטערען דעם ביטערען גורל, אזוי ווי איך האָב געטהון.

ר׳ אשר האט הארציג בעדאַנקט דעם גוטען פירשט, אויסדרי־קענדיג זיין טיפסטער אנערקענונג פאַר דער טובה, און געזע־גענדיג זיך, איז ער אַרויס פונ׳ם פאַלאַץ אַ פערטרויערטער און פאר׳מרה־שחורה׳ט.

— אין דער עגזעסהיימער תפיסה — האָט זיך ר׳ אשר געטראכט — שיקט מען נאָר אַזעלכע מענשען, וואָס זענען פער־אורטיילט צו זיצען לאַנגע יאָהרען אונטער׳ן שלאָס. דאָרט זיצען די שווערסטע פערברעכער, וועלכע האָבען כמעט שוין נישט קיין האָפנונג אַרויסצוגעהן אויף דער ליכטיגער פריי...

פערזונקען אין די דאָזיגע געדאנקען, איז ר׳ אשר אהיימגע־קומען אין זיין שטיבעל און דערצעהלט זיין פרוי, וואס ער האָט זיך דערוואוסט אין פירשטליכען פאלאץ.

שרה האָט ביטער אָפגעזיפצט, און מיט א צובראָכענער שטימע, אין וועלכער עס איז געלעגען דער גאנצער ים פון יודישע צרות, האָט זי זיך אָנגערופען צום מאַן:

— אשר! איצט טאָר מען נישט שווייגען. זעהסט דאָך, אז די געשיכטע הויבט זיך אן צו פּערציהען אין די ווייטע יאָהרען אריין. מיין עצה איז, אז דו זאָלסט זיך לאזען איבער די יודישע קהלות און מיט טרעהרען אין די אויגען זאָלסטו זיי דערצעהלען וועגען די שרעקליכעליידען פון מיין פאטער און איך האף צו גאט, אז אונזערע ברודער פון נאָהנט און ווייט וועלען נישט לאזען אייביג שמאכטען אונזער פאטער אין תפיסה. דאָס יודישע הארץ וועט זיך אָפּרופען און איך גלויב, אז די קהלות, וואס האבען פריהער דעם טאטענס שלוחים אהיימגעשיקט מיט גארנישט, וועלען איצט צוזאמען נעמען געלד אויסצולייזען דעם טאטען. איך גלויב, אז די גרויסע יודישע מדה פון פּדיון שבויים איז נאָך ביי אונזערע ברודער נישט איינגעשלאָפען און דאָס יודישע הארץ וועט זיך נאך אפרופען אויף אונזער גרויסען אונגליק.

ר׳ אשר האט מסכים געווען צו דער קלוגער עצה פון זיין פרוי און ער האט בעשלאָסען תיכף צו לאזען זיך אין וועג אריין.

און עס איז טאקי אזוי געווען ווי שרה האט איהם פאר־אויסגעזאגט. די פארשטעהער פון די קהלות האבען ר׳ אשר׳ן אומעטום אויפגענומען מיט גרויס כבוד און ליבשאפט. הערענדיג אין וואס פאר א צרה עס געפונט זיך דער גרויסער רב רבינו מאיר, האבען די יודען פון אלע דייטשע קהלות אויפגעעפענט זייערע בייטלען און געשיט מיט געלד. יעדע קהלה האט געגע־בען ר׳ אשר׳ן מער נאָך ווי זיי האבען געקענט. די ראשי קהל און די רבנים האָבען צוזאמענגערופען אסיפות אין די בתי־מדרשים, און שילדערענדיג די שרעקליכע לאגע פון דעם גרויסען יודישען רב, וואס טראגט אויף זיך די קרוין פון דער תורה אין דייטשלאנד, האבען זיי ערוועקט ביי אלעמען דאס גרויסע יודישע אחדות־געפיהל און אלט און יונג האבען מנדב געווען סומען געלד.

זעהענדיג, אַז ער וועט קאנען צוזאמען נעמען די נויטיגע סומע — האט זיך ר׳ אשר געאיילט קיין ראטווילד אויף אנ־

אוידיענץ ביים קעניג, וועלכער האט דאָרט גראד אין יענער צייט געוויילט.

קומענדיג קיין רוטווייל, האָט ער אָפּגעקלאַפּט אין די טירען פון פערשידענע פירשטען און הויכע אַריסטאָקראַטען, אַז מען זאָל איהם אויסווירקען אַן אוידיענץ. די פירשטען האָבען איהם גוט אויפגענומען און אין אַ גאנץ קורצער צייט האָט מען איהם צוויסען געטהון, אַז זיין ביטע וועט ערפילט ווערען, דער קעניג האָט בעוויליגט איהם אויפצונעמען און אויס־צוהערען זיין ביטע.

ר׳ אשר האט זיך אָנגעטהון אין די טייערסטע קליידער, וואָס ער האָט נאָר געהאַט און מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ איז ער געגאַנגען אין קעניגליכען פּאַלאַץ, בעטענדיג הייס צום בע־שעפער, אַז ער זאָל געבען איהם חן אין די אויגען פון גרויסען קעניג אין וועמענס האַנד עס ליגט דער גורל פון זיין גרויסען שווער, רבינו מאיר.

דער קעניג האָט ר׳ אשר׳ן זעהר גוט אויפגענומען. אויס־הערענדיג זיין ביטע, אַז ער איז גרייט צו געבען אויסלייז־געלד פאַר דעם אַרעסטירטען רב, האָט דער קעניג אויסגע־דרוקט זיין צווייפעל, צי עס וועט איהם געלונגען צוזאַמענצו־נעמען אַזוי פיל געלד, אָבער פונדעסטוועגען — האָט דער קעניג איהם פריינדליך צוגעזאָגט, אַז ווען אפילו עס וועט איהם נישט געלונגען צו ברענגען דאָס אויסלייז־געלד, וועט ער אויך אַרויס־געבען אַ פעראָרדנונג צו פערלייכטערען דעם שיקזאַל פון אַרעס־טירטען רב, אַזוי אַז ער זאָל זיך פיהלען בעקוועם אין תפיסה. וועגען איבריגען האָט ער איהם איבערגעשיקט צום רייכס־קאַנצלער זיך אַדורכצורעדען.

ר׳ אשר האָט געדאַנקט דער מלך און טיף פערבויגענדיג זיך איז ער אַרויס פון פּאַלאַץ און באַלד זיך געלאָזט צום רייכס־קאַנצלער.

די דינער פון ערשטען דייטשען מיניסטער האָבען איהם געמאָלדען ביים קאַנצלער. באַלד דערויף איז אַ דינער צו איהם אַרויס און איהם אַריינגעפיהרט אין אַ גרויסען העלען זאַל

וואָס איז געווען איבערפולט מיט פּאַפּירען און ביכער. דאָ אין דעם דאָזיגען זאַל זענען זיך צונויפגעקומען די פּעדים פון גאַנץ דייטשלאַנד. דאָ האָבען זיך געפונען אַלע פּאַפּירען און בעריכ־טען פון דער מלחמה, וואָס דער קעניג האָט געפיהרט מיט די צובונטעוועטע פירשטען.

אַ טיר האָט זיך געעפענט און אויף דער שוועל האָט זיך בעוויזען אַ הויכער פעסט־געבויטער גרויער מאַן און וואַרפענדיג אַ שטאָלצען בליק אַרום זיך, האָט ער זיך אָנגערופען:

— אַה, איהר זענט דאָס דער יונגער מאַן ר׳ אשר, ביטע זיצט און מיר וועלען דורכרעדען די בעדינגונגען פונ׳ם אויס־לייז־געלד.

ר׳ אשר האָט זיך פערנייגט און מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער אָנגעוויזענער שטוהל.

דער קאַנצלער האָט איהם געפרעגט צי רבינו מאיר האט זיך עפּעס צו בעקלאָגען אויף די תפיסה־אויפזעהער, צי מען בעהאַנדעלט איהם נישט גוט, ווייל אַלץ, וואָס מיר קאָנען נאָר טהון פאַר דעם געשעצטען רב.—האָט ער איהם ערקלערט — טהון מיר, כדי איהם צו פערלייכטערען דאָס תפיסה־לעבען.

— צו בעקלאָגען האָבען מיר זיך נישט — האָט ר׳ אשר מיט ווירדע געענטפערט — די יודען פון דייטשלאַנד שיקען דעריבער דורך מיר איבער אַ דאַנק דעם גרויסען קעניג און זיינע פירשטען, פאַר דעם גוטס, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזען צו מיין שווער. מיר זענען אָבער גרייט צו געבען די גרעסטע סומע אויסלייז־געלד פאַר זיין בעפרייאונג, זאָל דער גנעדיגער הער מיר בעשטימען די סומע און מיט גאָט׳ס הילף, וועל איך זי צושטעלען.

— אַהאַ — האָט זיך דער קאַנצלער אָנגערופען — מיר וויסען, אַז רבינו מאיר, איז ביי אייך זעהר געשעצט און עס איז פאַר אונז קיינמאָל קיין סוד נישט געווען אַז אייערע ברודער. וועלען סוף־כל־סוף נישט לאָזען פוילען אין תפיסה, דאָס תפיסה־לעבען — מיין ליבער יונגערמאַן — האָט דער קאַנצ־לער ווייטער געזאָגט — איז זער נישט בעקוועם, זעה נישט

בעקוועם, זאגאר מיט אַלע פערלייכטערונגען, וואָס מען קאָן נאָר דאָרט אויסווירקען. נו, אויב אייערע ברודער ווילען איהם דוקא בעפרייען, פרייט עס אונז זעהר, און מיט דער גרעסטער צופרידענהייט וועלען מיר עס אייך צוליב טהון. די סומע, וואָס מיר פערלאַנגען דערפאַר איז צוואַנציג טויזענד זילבער־מאַרק, אויב איהר וועט דאָס געלד צושיקען אין משך פון דריי חדשים, ווערט דער רב אויף אייביג בעפרייט.

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט זיך דער קאַנצלער אויפ־געשטעלט, געבענדיג דערמיט צו פערשטעהן, אַז די אוידיענץ האָט זיך געענדיגט.

אַ דערפרעהטער און פול מיט האָפנונגען איז ר׳ אשר אַרויס פונ׳ם קאַנצלערס פאַלאַץ. די סומע איז באמת געווען אַ זעהר גרויסע און צו שווער צוזאַמענצונעמען. קענענדיג, אָבער, די שטימונג אין די יודישע קהלות, איז ער געווען פול מיט בטחון, אַז דאָס געלד וועט איהם געלונגען צוזאַמענצונעמען, וויל די יודישע בעפעלקערונג וועט איצט נישט לאָזען מעהר שמאַכטען דעם אַלטען רב, ווי אַ געמיינעם פערברעכער אין דער פינסטערער תפיסה.

מיט דער דאָזיגער האָפנונג איז ר׳ אשר געפאָהרען קיין עלזעסהיים אָנצוזאָגען דעם אונגליקלעכען שווער, אַז דער טאָג פון בעפרייאונג איז נאָהנט.

אָנקומענדיג קיין עלזעסהיים האָט ר׳ אשר זעהר לייכט בע־קומען אַנ׳ערלויבניש זיך צו זעהן מיט׳ן אַרעסטירטען.

די דאָרטיגע תפיסה איז געווען אַ פיל שווערערע ווי אין ברעמענץ. פון אַלע זייטען איז די תפיסה געווען אַרומגע־רינגעלט פון וואַסער און צוקומען האָט מען געמוזט דורך אַנ׳אייזערנער הענגעל־בריק. די אַרעסטאַנטען זענען אזוי אַרום געווען אינגאַנצען אָבגעשלאָסען פון דער אַרומיגער וועלט און דער וואָס האָט זיך אינעווייניג געפונען, האָט שוין געהאט גאַנץ קנאַפּע האָפנונגען צו זעהן פאר זיך אַ מאָל די ליכטיגע וועלט. אַ שרעקליכער שוידער האָט אַרומגענומען ר׳ אשר׳ן,

בעת ער איז געגאַנגען איבער דער שווערער הענגעל-בריק צום אינעווייניגסטען בנין פון דער תפיסה.

— אָט דאָ אין דעם פינסטערען קאַמער — האָט ער זיך געטראַכט — ליגט לעבעדיגערהייד בעגראָבען דער גרויסער יודישער גאון, די שיין פון דייטשען יודענטום. ער האָט זיך אָבער געטרייסט דערמיט, וואָס לאַנג וועט שוין אזוי נישט דויערן. פערטיפט אין די דאָזיגע געדאַנקען איז ער ענדליך אָנגעקומען צו דער צעלע פון רבינו מאיר׳ן.

דער אלטער רב איז אונטער דער צייט אינגאנצען פער-עלטערט געוואָרען. דאָס איידעלע אויסגעמאַטערטע בלאסע פנים איז געוועזן ארומגערינגעלט מיט א זילבער-ווייסע לאַנגע באָרד און פאות, די גאנצע ווירדיגע געשטאַלט האָט געמאכט אנ׳-איינדרוק פון ליידט פאר אַ גרויסער און הייליגער זאך. די וואָס האָבען נישט געוואוסט, אז דער דאָזי-גער ארעסטאנט איז דער גרעסטער יודישער רב אין דייטשלאנד, האָבען אויך געזעהן, אז ער איז נישט ענליך צו די אנדערע ארעסטאנטען, וואס געפונען זיך דאָ פערשלאָסען. דערזעהענ-דיג ר׳ אשר׳ן, איז דער אלטער רב אויף איהם ארויפגעפאלען און ביידע האבען זיך שטאַרק צוויינט. אין דער האלב-גע-וועלבטער דונקעלער קאַמער, האָט זיך געהערט אַ שטילער שלוכצען פון צוויי מענשען, וואָס האָבען געהאַלטען פעסט איינער דעם צווייטען אין די אָרעמס. דער דאזיגער ריהרענדער מאָמענט האט געדויערט איניגע מינוט. דער טורמע-אויפזע-הער, וואָס איז מיטגעקומען מיט ר׳ אשר׳ן איז געוואָרען שטארק געריהרט פון דער דאזיגער סצענע, און אין זיינע קאלטע פער-גליווערטע אויגען האט זיך געוויזען א פייכטער טרער. דאָס שטיינערנע הארץ האט אנגעהויבען צו פיהלען די גאנצע טרא-געדיע פון אנ׳אונשולדיגען מענשען, וואָס איז נישט פאר זיין שולד אוועקגעריסען געווארען פון זיין פאמיליע און פון זיינע ספרים און פלוצלינג ארייגעווארפען געווארען אין אַ פינ-סטערען גרוב.

— ענדליך ברענג איך אייך, טייערער שווער, די גוטע

בשורה, אז איהר וועט ווערען בעפריים — האָט זיך ר׳ אשר ענדליך אָנגערופען. איך בין געווען ביים קעניג און אויסגע-ווירקט אייך צו בעפרייען פאַר צוואַנציג טויזענד זילבער-מאַרק. די יודישע קהלות האָבען מיר צוגעזאָגט די סומע צוזאַמענ-צוגעמען.

דערהערענדיג די דאָזיגע בשורה האָט זיך דער אַלטער רב אַ ביסעל פערטראַכט. אויף זיין פנים האָט זיך נישט בע-וויזען די פרייד, וואָס האָט זיך בעדאַרפט אין אַזאַ מאָמענט אַרויסווייזען. ער האָט זיך אייניגע מינוט געדרעהט אַרויף און אַראָפּ איבערן צימער קענטיג, אַז ער האָט וועגען עפּעס שטאַרק געטראַכט. ענדליך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט נעבען ר׳ אשר׳ן און פאַסענדיג אַ פעסטען בעשלוס האָט ער איהם געזאָגט:

— ניין, מיין טייערער איידעם, דאָס איז צופיל פון אונזערע ברודער, איך קאָן דעם דאָזיגען קרבן נישט אָננעמען. ווי איך זאָל נישט שטרעבען צו דער פרייהייט, צו דער ליכט, צו דער זון, צו מענשען און צו מיינע הייליגע ספרים, קאָן איך דאָך נישט מסכים זיין צו אַזאַ גרויסען אויסלייז-געלד. בערעכען, די פירשטען און די גראַפען וועלען זיך דערוויסען, אַז יודען צאָהלען מיט אַזעלכע גרויסע געלדער פאַר זייערע אַרעסטירטע רבנים, זיי וועלען דאָך יעדען טאָג אַרעסטירען אַנ׳אַנדערען רב, כדי אויסצופּרעסען געלד פון דער יודישער בעפעלקערונג, זיי וועלען זיך דאָך נעמען אַ ביישפּיל פון קעניג אַליין. דער קעניג, וועלען זיי זיך טראַכטען, וועלכער איז דאָך פאַר אונז אַלעמען אַ מוסטער האָט אויך אַזוי געטון, בערעכען נאָר דאָס אונגליק, וואָס קאָן זיך דעמאָלס אַראָפּקוילערען אויף די קעפּ פון דער יודישער בעפעלקערונג. קיינער וועט דאַן דעמאָלס נישט זיין זיכער, אַז מען וועט איהם נישט ביינאַכט אַראָפּנעמען פון זיין געלעגער און איהם אַריינוואַרפען אין דער פינסטערער תפיסה. ניין, דאָס קאָן איך נישט ערלויבען. אָבער גיב איבער די יודישע קהלות מיין טיפסטען האַרציגסטען דאַנק פאַר זייער גרייטקייט מיך אַרויסצונעמען פון דער תפיסה, זאָג זיי, אָבער, אַז איך וויל דעם דאָזיגען קרבן נישט אָננע-

מען. איך וויל נישט, אַז דורך מיר זאָלען ליידען אַנדערע. איך האָב דעריבער בעשלאָסען שוין בעסער אייביג דאָ צו בלייבען, איידער צו ציהען אַ קייט פון נייע אונגליקען אויפ'ן שווער געפייניגטען פאָלק ישראל. איין ביטע האָב איך אָבער יאָ צו דיר: זעה אויסצו'פועל'ןביים קעניג, אַז מען זאָל מיר לאָזען דאָ אַהער פיהרען מיינע ספרים פון רוטענבורג, און אַז מען זאָל מיר אויך ערלויבען אַרויסצוגעבען פון דאַנען שריפטליכע תשובות, אויף די שאלות, וואָס עס וועלען אָנקומען צו מיר פון פערשידענע ערטער. דאָס איז דאָס גאַנצע, וואָס איך בעט ביי דיר. און איצט פאָהר אַהיים און גאָט זאָל דיר העלפען וואו דו וועסט זיך קערען און ווענדען.

---

## ט.

ר' אשר האָט געוואוסט, אַז ער וועט נישט ווירקען אויף זיין שווער צו ענדערען דעם בעשלוס. ער האָט געוואוסט, אַז רבינו מאיר טראַכט אַלץ פריהער גוט אַדורך ביז ער זאָגט אַרויס זיין מיינונג, און קוים האָט ער אָנגענומען אַ בעשלוס, איז ער פעלזען-פעסט און קיינער וועט איהם נישט קאָנען אָפּשפּאַרען. ער האָט זיך האַרציג געזעגענט מיט דעם אונגליק-ליכען מערטירער, גענומען פון איהם אַ ברכה אויפ'ן וועג און אַ פערטרויערטער האָט ער פערלאָזט די תפיסה, איילענדיג זיך אַהיימצופאָהרען צו זיין פרוי. אויפ'ן וועג האָט ער דורכגע-טראַכט פערשידענע פּלענער. ער האָט געוואוסט, אַז קומענדיג איצט אַהיים מיט'ן בעשלוס פון רב, וועט דער קעניג אויף איהם אין כעס ווערען, דערפאַר, וואָס ער האָט איהם צוגעזאָגט צו ברענגען אויסלייז-געלד און צום סוף האָט זיך דערפון גאָרנישט אויסגעלאָזט. ער האָט דעריבער בעשלאָסען, וואָס שנעלער צוקומען אַהיים און תיכף צו נעמען זיין פרוי און מיט איהר אַנטלויפען, וואו די אויגען וועלען טראָגען. ער האָט זיך דער-

מאַנט דעם אַלטען פּלאַן צו פאָהרען קיין שפּאַניען. דער בעשלוס מוז איצט ווערען אויסגעפיהרט.

מיט דעם דאָזיגען בעשלוס איז ער אַהיים געקומען צו זיין פרוי און איבערגעבענדיג איהר דעם בעשלוס פון פאָטער, אַז ער וויל נישט אָננעמען דעם גרויסען קרבן פון די יודישע בעפעלקערונג, האָט ער איהר ערקלערט די געפאַהר אין וועלכער זיי געפונען זיך איצט, און אַז זיי איז נאָר געבליבען די איינע רעטונג, צו אַנטלויפען קיין שפּאַניען.

שרה, ר׳ אשר׳ס געטרייע פרוי, האָט מסכים געווען צו איהר מאַנ׳ס בעשלוס. אין אַ שעהנעם זומער טאָג, האָבען זיי פערלאָזט די שטאָדט ברעמענץ און אַריבער די גרעניץ. דאָרט האָט ר׳ אשר אָפּגעגעבען אַ לויב צום גרויסען בעשעפער און איהם געדאַנקט פאַר דעם גרויסען חסד, וואָס ער האָט איהם ארויסגעוויזען ביים גליקליכען אַריבערגעהן די גרעניץ. פון דאָרט האָבען זיך די וואַנדערער געלאָזט קיין דרום, צום וואונדער שעהנעם לאַנד שפּאַניען, וואָס איז נאָך צו יענער צייט געווען אַ גן-עדן פאַר דער יודישער בעפעלקערונג.

אָנקומענדיג קיין שפּאַניען, האָבען זיי פרייער אָפּגעאָטעמט. די שפּאַנישע יודען האָבען נאָך דעמאָלס נישט געוואוסט פון די צרות און ליידען פון זייערע ברודער אין דייטשלאַנד. פריי און שטאָלץ האָט זיך נאָך דעמאָלס געפיהלט דער שפּאַנישער יוד. די גרעסטע אַמטען אין דער מלוכה זענען געלעגען אין יודישע הענד. יודען האָבען דאָרט געפיהרט דעם גרעסטען האַנדעל און געוואוינט אין רייכע פירשטליכע פּאַלאַצען.

אומעטום, ווי די צוויי וואַנדערער זענען געקומען, זענען זיי גוט אויפגענומען געוואָרען. די שפּאַנישע יודען האָבען ארויסגעוויזען פיל ליבשאַפט צו די וואַנדערער, וואס זענען אַנטלאָפען פון יודישען גהינום אין דייטשלאַנד. ענדליך זענען זיי גליקליך אָנגעקומען צו דער גרויסער יודיש-שפּאַנישער שטאָדט טולעטולא, וואו עס האָט זיך געפונען רבינו מאיר׳ס יוגענד-פריינד ר׳ שלום.

דאָרט האָבען זיי ענדליך געפונען אַ דאך איבער׳ן קאָפּ און זיך אָפּגערוהט פון דעם לאַנגען מידען וועג. ר׳ אשר איז אין שטאָדט געוואָרען זער געאכטעט. ר׳ שלום האָט איהם פאָרגעשטעלט פאר די פארנעמע אָנפיהרער פון דער קהלה און זיי דערצעהלט וועגען דער גרויסקייט פון זיין שווער רבינו מאיר. די קהלה־פאָרשטעהער האָבען ר׳ אשר׳ן שטארק מכבד געוועזן און זעהענדיג, אז ער איז א גרויסער למדן, האָבען זיי איהם אויפגענומען פאר רב אין דער קהלה.

שרה איז געווען גליקליך. נאך אַ לאַנגער וואנדערונג פון איין ארט צום צווייטען, איז זי ענדליך אנגעקומען אין אַ ארט, וואו זי וועט רוהיג קאָנען פערברענגען איהרע יאהרען. אין א קורצע צייט ארום האט ר׳ אשר געקריגען א גרויסען נאָמען ביי די שפּאַנישע יודען, און זעהר פיעל יונגע לייט זענען געקומען אין זיין הויז הערען פון איהם תורה. ר׳ אשר׳ס שטוב איז פונקט, ווי אַ מאָל רבינו מאיר׳ס אין רוטענבורג, געווען פול מיט יונגע־לייט, וואס האבען זיך מפלפל געווען אין תורה. דער יונגער רב איז זיך דא רוהיג אָפּגעזעסען זיינע יאהרען. און דא אונטער דער הייסער שפּאנישער זון, האט ער אָנגעשריבען זיינע טיפע חבורים ווי דאס ספר „האשרי” און אנדערע ספרים, וואס זענען זער שטארק בעריהמט אין דער רבנישער ליטעראטור. אין שרה׳ס הארץ איז אבער איבערגע־בליבען א טיפער וואונד, וואס האט זיך קיינמאל נישט פער־היילט. זעהר אָפט האָט זי זיך פערטראכט איבער׳ן גורל פון איהר פאטער, וועלכער שמאַכטעט אונטער די קראטעס אין עגזעסהיים, פערלאזען פון זיין נאהנטסטער פאמיליע און פריינד.

אין איינע פון די שעהנע שפּאַנישע הייסע זומער־טעג האט זיך פאר דעם שעהנעם מויריטאנישען הייזעל אין וועלכען עס האט געוואוינט דער רב ר׳ אשר, אָפּגעשטעלט א מידער וואנדערער. זיין פנים איז געווען אינגאנצען בעדעקט מיט שטויב, קענטיג, אז דער דאָזיגער מענש האט דורכגעמאכט א ווייטע און א שווערע נסיעה. ער איז אריין אין הויף און

געפרעגט אַ דינער, צי דאָ וואוינט דער רב. בעקומענדיג דעם ענטפער, אַז יאָ, האָט ער געבעטען דעם דינער, אַז ער זאָל מעלדען דעם רב, דאָס אַ וואַנדערער פון דייטשלאַנד איז אָנ־געקומען און ברענגט איהם גרוסען פון זיינע נאָהנטסטע. דער דינער, אַ יונגער און שלאַנקער שפּאַנישער יונגערמאַן, האָט דעם וואַנדערער תיכף אַריינגעפיהרט צום רב, זאָגענדיג, אַז דעם רב'ס הויז איז אָפען פאַר אַלעמען און ער קאָן צו איהם אַריינגעהן אונגעמאָלדען. ר' אשר איז געזעסען אויף אַ הויכער לייכטער וויג־שטוהל און אַרום איהם זענען געזעסען אין דער פאָרם פון אַ האַלבער לבנה, אַ גרופּע יונגע לייט, און געהערט פון איהם תורה. דערזעהענדיג דעם וואַנדערער, האָט ר' אשר אין איהם תיכף דערקענט אַ דייטשען יוד, און שטאַרק דער־פרעהענדיג זיך, האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון אָרט און גע־געבען דעם פרעמדען שלום.

— איך קום פון דייטשלאַנד, ר' אשר — האָט דער פרעמ־דער געזאָגט — איך בין אַן אַלטער תלמיד פון אייער שווער רבינו מאיר, ער האָט מיך טאַקי דאָ אַהער געשיקט צו אייך, כדי אייך אָפּצוגעבען אַ לעבעדיגען גרוס.

ר' אשר איז געוואָרען שטאַרק דערפרעהט פון דער דאָ־זיגער בשורה און מיט דעם פרעמדען איז ער אַריין אין צימער פון זיין פרוי.

— שרה! — האָט ר' אשר זיך אָנגערופען צו דער פרוי — גיב דעם אורח צו עסען, ער קומט פון דייטשלאַנד און ברענגט דיר אַ לעבעדיגען גרוס פון טאַטען.

שטאַרק דערפרעהט, האָט שרה אַריינגערופען אַ דינערין און איהר בעפויהלען אַריינצוברענגען פונ'ם בעסטען, וואָס געפונט זיך אין קיך. בעת דעם עסען האָט איהם שרה אויס־געפרעגט וועגען אַלעם, וואָס ער ווייס צו דערצעהלען פון איהר אונגליקליכען טאַטען.

דער וואַנדערער האָט אין אַ געלאַסענער פאָרם, וואָרט ביי וואָרט געשילדערט די לאַגע פון רבינו מאיר'ן.

— בּאַלד נאָך אייער אוועקפאָהרען קיין שפּאַניען — האָט

ער אָנגעהויבן צו דערצעהלען – האָט מען זיך אין די יודישע קהלות שטאַרק געשראָקען פאַר'ן גורל פון אונגליקליכען רב. מיר האָבען מורא געהאַט, אַז דער קעניג וועט איצט אויסלאָזען דעם גאַנצען כעס און וועט דעם אַלטען רב אָנטהון די פּייניגליכסטע יסורים. גאָט'ס וועגען זענען אָבער וואונדערבאַר. דער מענש קאָן קיינמאָל נישט פערשטעהן מיט זיין אָרימען פערשטאַנד די התנהגות פון דער השגחה און די וואונדערליכע וועגען, אין וועלכע דער אויבערשטער פיהרט אונז יעדען טאָג. איך זאָג אייך, נסים, אמת'ע נסים, האָט גאָט דעמאָלס בעוויזען צו דעם אונגליקליכען מערטירער. דער קעניג האָט זיך פּלוצלינג דערבאַרימט איבער אייער פאָטער און בעפוילען די תפיסה־אויפזעהער צו געבען איהם כל'ערליי פרייהייטען, אַ חוץ פערשטעהט זיך, אַרויסצוגעהן פון תפיסה. איהר געדענקט דאָך נאָך אוודאי די גרויסע ביבליאָטעק, וואָס אייער פאָטער האָט געהאַט אין רוטענבורג, אָט די ביבליאָטעק, וואָס איז יאָהרען לאַנג געשטאַנען פער'יתומ'ט, איז מיט'ן קעניג'ס ערלויבניש איבערגעפיהרט געוואָרען אין תפיסה, כדי דער רבי זאָל זיך קענען מיט איהר בענוצען. פאַר'ן אומגליקליכען האָט זיך דאַן אָנגעהויבען אַ ניי און פריש לעבען. איהר האָט בעדאַרפט זעהן זיין פרייד, בעת ער האָט די ספרים בעקומען. איך קאָן אייך דאָס גאָרנישט אָפּשילדערען. ער האָט זיך געפרעהט ווי אַ קליין קינד, וואָס האָט אַ לאנגע צייט נישט געזעהן די מוטער. יעדעס בלעטעל האָט ער בעזונדערס אויסגעקושט און מיט אַ ווייכער צאַרטקייט אָפּגעווישט דעם שטויב, וואָס איז יאָהרען לאַנג געלעגען אויף די לעדערנע רוקענס. זיין פרייד איז נאָך געוואָרען גרעסער, בעת ער האָט זיך דערוואוסט, אַז צוזאַמען מיט די ספרים, איז אָנגעקומע אַ בעפעהל אָפּצוגעבען דעם רב אַ גרויס לופטיג און ליכטיג צימער, וואו ער זאָל קאָנען זיצען רוהיג און ע־סק זיין אין תורה. ענדליך האָט מען איהם ערלויבט אַרויסצושרייבען תשובות אויף די פערשידענע שאלות, וואָס זענען יעדען טאָג אָנגעקומען אין תפיסה אויף דער אַדרעס פון רבי'ן. מיט דער צייט האָבען אויך אָנגעהויבען אנצוקומען

פון אַלע זייטען תּלמידים, וועלכע זענען פאַר אַ געוויסען אָפּ-צאָהל אַריינגעלאָזט געוואָרען צום רב. איך בין אויך געווען איי-נער פון די בעזוכער.

איינמאָל, בעת איך בין צו איהם געקומען אין תּפיסה הערען תּורה, האָב איך איהם דערצעהלט, אַז איך דאַרף גע-שעפטליך פאָהרען קיין שפּאַניען. ער האָט זיך שטאַרק דער-פרעהט און מיך געבעטען, אַז איך זאָל אָפּטרעטען ביי אייך און אָפּגעבען פון איהם אַ גרוס.

ר׳ אשר און שרה האָבען זיך שטאַרק דערפרעהט פון דער דאָזיגער בשורה, זיי האָבען אָבער נ׳שט געוואוסט, אַז אונטער דער צייט, וואס דער יוד איז אַרויסגעפאָהרען פון דייטשלאַנד זענען אַריינגעקומען געוואלדיגע ענדערונגען אין לעבען פון דעם אונגליקליכען מערטירער.

די בירגער-מלחמה האָט זיך אונטער דער צייט נאָך מער צופלאקערט, פּירשטען האָבען מלחמה געהאלטען מיט פירשטען, גאַנץ דייטשלאַנד האָט אויסגעזעהן ווי איין גרויס שלאַכט-פעלד, וואו איין ברודער קוילעט דעם צווייטען. אין דער דאזיגער שרעקליכער צייט האָט אין דער איינזאַמקייט פון דער עגזעסהיימער תּפיסה געצאַנקט דאָס לעבען פון רבינו מאיר׳ן און זיין נשמה איז אייבציגווייז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט. אַנ׳עלענדער, אַ פערלאָזענער פון מענשען און פריינד, האָט זיך זיין לויטערע נשמה בעפרייט פון מידען, פערפּיי-ניגטען גוף.

דער ביטערער פינסטערער גורל האָט איהם אָבער נאָך דער פטירה אויך נישט אָפּגעלאָזט. דער פירשט פון עגזעסהיים האָט אָנגענומען אַ טייוועלעשען בעשלוס, ער וועט נישט לאָזען ברענגען דעם נפטר צו קבירת-ישראל, ביז די יודען וועלען איהם נישט געבען אַ גרויסע סומע אויסלייז-געלד, דערביי האָט ער געשטעלט אַזעלכע שווערע בעדינגונגען, אַז עס איז באמת שווער געווען צו ערפילען זיין פערלאַנג.

גאַנצע פערצעהן יאהר איז דער נפטר אָפּגעלעגען אין דער תּפיסה, נישט קומענדיג צו דער אייביגער רוה. זיין

ביטערער גורל האָט איהם גאנצע פערצעהן יאָהר נאכ'ן טויט זיך נישט אָפּגעלאָזט, אַ געפאנגענער ביים לעבען און א געפאנגענער נאכ'ן טויט. די געשיכטע ווייס ווייניג צו דערצעהלען פון אזעלכע מערטירער.

ענדליך האָט זיך דערוועקט דאס ווארימע יודישע הארץ פון א פראנקפורטער יוד, א געוויסער אלעקסאנדער זיסקינד, וועלכער האט געשיט פון אלע זייטען מיט אוצרות געלד און נאָך לאנגע מאטערנישען איז איהם געלונגען דעם נפטר צו בעפרייען פון תפיסה און איהם סוף כל סוף געברענגט צו קבירת ישראל אין וואָרמס, און דער אונגליקליכער מערטירער האט ענדליך געפונען זיין אייביגע רוה, וואס ער האט אזוי לאנג נישט געהאַט נישט ביים לעבען און נישט נאכ'ן טויט.